גליון
# באור החיים
פרשת בא - תשפ"ו לפ"ק
גליון תתס"ה

ידבנא לאור ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
משפחת קרדיס שיחי'
לע"נ אביהם החשוב הרה"ח ר' מנחם מענדל ליפא יושע בן ר' אשר ענזיל ע"ה קרדיס
מראשי קהלתינו הק' וויליאמסבורג - היארצייט חל ביום ט' שבט -ג' בשלח הבעל"ט
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרב אברהם ישעי' ענגל שליט"א מזידיטשוב לעיקוואד
לרגל שמחת הולדת נכדו אצל חתנו מו"ה חיים דוב שטראהלי הי"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### צריכין ללמד את הבנים דרך התורה והמצות

**ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו.**

נראה לרמז, דהקב"ה מדבר אל כל בני ישראל, דכידוע כל בר ישראל נקרא בשם משה, כדאיתא בגמרא (סוכה ל"ט.) משה שפיר קאמרת, וזהו 'ויאמר ה' אל משה', היינו לכל בר ישראל, 'בא אל פרעה', 'בא' בגמטריא ג', כמנין המכות שכתובה בפרשתן ארבה חושך בכורות, שהם כנגד חכמה בינה דעת, דהיינו שצריכין להביא החכמה בינה ודעת 'אל פרעה', דהיינו היצר הרע, דזהו העצה היחידי נגד היצר הרע, להביא זה ג' מידות בתוך האדם, 'כי אני הכבדתי את לבו', דהקב"ה הכניס יצר הרע ומדות רעות בלב כל אדם, 'למען שיתי אותותי אלה בקרבו', כדי שיאיר לך כח התורה, ועל ידי זה יזכה ל'וידעתם כי אני ה'' שיזכה לקנות גם כח הדעת.

ונראה לרמז עוד, דלא סגי בזה שהאדם מתנהג בדרך התורה והמצות, אלא 'למען תספר באזני בנך ובן בנך', שצריך ללמד לבנך ולבן בנך. וכן פירוש הרה"ק רבי אלימלך מ'ליזענסק זי"ע בספרו הק' נועם אלימלך, 'בנערינו ובזקנינו נלך', דצריכין ג"כ ללמד עם בניהם ללמוד וללמד לשמור ולעשות, למען ידעו כי אני ה'.

(עבודת שפת"ק בא)

### קליפת פרעה הוא עקשנות וגיאות

**עד מתי מאנת לענת מפני שלח עמי ויעבדוני.**

פרש"י הק' לענת כתרגומו לאתכנעא, והוא מגזרית עני, מאנת להיות עני ושפל מפני.

הענין בזה, כי עיקר כח הקליפה של פרעה היתה מדת הגאוה, כמו שאמרו חז"ל שעשה את עצמו כאלוה, ואמר לי יאורי ואני עשיתני אני בראתי את היאור נילוס, ואני עשיתי ובראתי את עצמי, עפ"ל. ומובא בדברי האר"י הק' שפרע"ה מורה על זה, כי פרע"ה עם הכולל עולה כמנין עור"ף, גם אותיות פרע"ה כאותיות הער"ף, כי עיקר כח הקליפה שלו היתה קשה עורף, עקשנות וגיאות, שלא רצה להכניע את עצמו.

ולזה אמר לו הקב"ה, עד מתי מאנת לענת מפני, מאנת להיות עני ושפל מפני, כי זה היה עיקר כח קליפתו, שלא היה יכול לסבול שיש כח למעלה ממנו והוא יצטרך להכניע את עצמו, אלא רצה שהוא יהיה ממעל לכולם, וכולם יהיו משועבדים לשמוע לדעתו ולעצתו.

(עבודת עבודה פתג"ק בא)

### צריכין לעבוד את השי"ת באהבה

**קדש לי כל בכור פטר כל רחם בבני ישראל.**

כבר דקדקו המפרשים, מה שנאמרה מצות קידוש בכורות כהקדמה למצות זכירות יציאת מצרים, מהו השייכות זה לזה.

ויבואר על פי מה שפירשו צדיקים הק', שכל

המשך בע' ב

פרנס פעולות האיחוד
לחודש שבט
נתנדב על ידי הרבני הנגיד והחסיד המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות
הרב אלעזר ליעבערמאן שליט"א מבעסערמין
לעילוי נשמת אביו
הגה"צ רבי יחיאל מיכל בן רבי יצחק אייזיק זצ"ל ליעבערמאן מבעסערמין
יארצייט ביום כ"ו שבט הבעל"ט
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן
אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!
מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!
בכבוד רב
הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש
בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**לפום צערא אגרא, דורך די מויל, קען מען גורם זיין צו באקומען צער אדער שכר.**

(שפת"ק ח"א קע"א)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **יעקב שאול הערשקאוויטש** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת תגלחת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## די פשט פון די ווערטער פון פרעה ביום ראותך פני תמות

ויאמר לו פרעה לך מעלי השמר לך אל תוסף ראות פני כי ביום ראותך פני תמות.

די מפרשים שטעלן זיך אויף דעם, ווי קען זיין אז פרעה זאגט פאר משה דו וועסט שטארבן, ביי אלע מכות האט פרעה געוואוסט, אז ער קען נישט שלעכטס טוען פאר משה, פארקערט משה האט געווארענט פרעה אז ער וועט שטארבן, וואס זאגט ער אים דא ביום ראותך פני תמות.

זאגן די ספרים הק' פשט אזוי, ס'איז ידוע וואס די גמרא זאגט, (ראש השנה כ"א ע"ב) חמישים שערי בינה נבראו בעולם וכולן ניתנו למשה חסר אחת, משה רבינו האט משיג געווען אלע שערי בינה, אבער דעם שער הנו"ן האט ער נישט געקענט משיג זיין נאר פאר זיין הסתלקות, דעמאלסט האט אים דער אייבערשטער געזאגט, עלה אל הר נבו, נבו איז נוטריקון נ' בו, גיי ארויף צום שער הנו"ן, דעמאלטס איז ער צוגעקומען צו די השגה, לעומת זה זענען דא חמישים שערי טומאה, פרעה איז געווען משוקע אינעם שער הנו"ן של טומאה, דער שער הנו"ן איז כפירה מינות ואפיקורסות, דאס איז געווען די קליפה פון פרעה, ווי ער האט אליין געזאגט, לא ידעתי את ה', מי ה' אשר אשמע בקולו, און אין דעם כח הטומאה פונעם שער החמישים, האט ער געוואלט אריינשלעפן די אידן.

האט דער אייבערשטער געשיקט משה רבינו זאל רעדן צו פרעה, מיט דעם וואס משה רבינו איז געשטאנען פאר פרעה, און אים געקוקט אין פנים אריין, און גערעדט צום אים, האט ער מכניע געווען זיין כח הטומאה, און די שערי טומאה פון פרעה זענען נכנע געווארן דורך די שערי קדושה פון משה, אזוי איז עס געגאנגען אלץ מער און מער, יעצט אז מען האט שוין געהאלטן פאר די לעצטע מכה, האט פרעה פארשטאנען, אז משה וויל שוין צוקומען צו זיין שער הנו"ן של טומאה, דאס צו צוברעכן, וויאזוי וועט ער דאס מאכן, אז משה אליין זאל משיג זיין די שער הנו"ן של קדושה, און אזוי וועט ער קענען מכניע זיין זיין כח זה לעומת זה, ער האט אבער געוואוסט אז דאס קען נישט זיין, ווייל משה רבינו קען נישט משיג זיין דער שער החמישים נאר פאר זיין הסתלקות, און פרעה איז דאך געווען א גרויסע מכשף, ער האט געוואוסט אז ער פירט דא א מלחמה מיט די כח הקדושה פון משה, וואס גייט נאר ביזן שער הנו"ן.

האט אים פרעה געזאגט לך מעלי, לך באטרעפט פופציג, 'לך' מעלי, דו ווילסט אוועקנעמען פון מיר דעם שער החמישים של טומאה, השמר 'לך', היט דיך פונעם שער החמישים, 'אל תוסף ראות פני', זאלסט נישט מוסיף זיין מיר מכניע צו זיין דורך קוקן מיר אין פנים, 'כי ביום ראותך פני תמות', אויב וועסטו דאס טוען, וועסטו מוזן שטארבן, ווייל דעם שער החמישים קענסטו נישט משיג זיין נאר פארן שטארבן, האט משה רבינו געזאגט, 'כן דברת לא אוסיף עוד ראות פניך', ווי רש"י הק זאגט, יפה דברת ובזמנו דברת, האסט גוט געזאגט, פון יעצט וועט ער טאקע שוין נישט גיין אויף דעם אופן, משה רבינו האט טאקע נישט משיג געווען יעצט דעם שער החמישים פון פרעה, אויף דעם איז דער אייבערשטער אליין געקומען, און מאיר געווען דעם אור פון שער החמישים, ווי דער זוה"ק זאגט אז פארדעם ווערט דערמאנט פופציג מאל יציאת מצרים אין די תורה, חמשין זמנין לקבל חמשין תרעין דבינה, ווייל יציאת מצרים איז געקומען דורך די התגלות פונעם שער החמישים, אויף דעם איז מרומז וחמישים עלו בני ישראל מארץ מצרים, דורך די התגלות פונעם שער החמישים זענען אידן ארויס פון מצרים.

(עבודת עבודה שפת"ק)

המשך מע' א

דבר שבקדושה צריך להיות בעיני האדם בבחינת בכור, היינו שיהיה לעיקר בעיניו, ויהיה אצלו הראש והראשון לכל דבר, וזהו פירוש הפסוק, 'קדש לי כל בכור', כל דבר שבקדושה יהיה בעיני האדם בבחינת בכור וראשון במחשבתו, ואמר הכתוב עוד, 'פטר כל', יסוד הראשון טרם כל דבר, 'רחם בבני ישראל', שבני ישראל יעבדו את ה' בבחינת אהבה, שיקיימו המצות באהבה וברצון לה', לא כמצות אנשים מלומדה, וזהו הקדמה אל מה שנאמר אחר כך, 'ויאמר משה אל העם זכור את היום הזה, אשר יצאתם ממצרים וגו', היום אתם יוצאים בחודש האביב', כי אם האדם מתנהג בדרך זה, זוכה ליציאת מצרים פרטית.

(עבודת עבודה פתג"ק פסח)

# ברכת הקודש

## אשר השמיע כ"ק מרן רבינו שליט"א

### ע"י הוק אופ לתלמידי ישיבתינו הק' — ישיבה גדולה אור החיים

בפניא דמעלי שבתא שבת וארא העעל"ט – אצל שבת התוועדות 'חבורתא קדישתא' בין עצי ההרים
בלתי מוגה כל צרכו

שלום עליכם, ברוכים הבאים, קינדער פון אייבערשטן, קינדער פון דעם הייליגן צדיק, אהה חשוב'ע בחורים.

קודם כל א שכוח אז מ'גיבט מיר די זכות איך קען רעדן צו ענק. עס שטייט אין די פאריגע סדרה, אז משה רבינו האט געזאגט פאר פרעה, דו נוצט דאך אויס די אידן און זיי ארבעטן זיבן טעג א וואך, מ'קען נישט אזוי, די מענטשן פאלן אוועק, גיב זיי איין טאג זיי זאלן זיך אפרוען, האט אים פרעה געפרעגט וועלכע טאג? האט ער געזאגט פאר פרעה, "גיב זיי שבת."

שטייט דארט אז פרעה האט געזען אז זיי קומען זיך צוזאם שבת, האט ער געזאגט, "לא תאסיפון". זאגט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע מ'רימונוב זי"ע אז פאר פרעה האט געשטערט אז מ'נעמט זיך צוזאם, ער האט נישט געוואלט אז מען זאל זיך צוזאמענקומען. וויבאלד דאס אז אידן קומען זיך צוזאמען שבת איז א געוואלדיגע גרויסע זאך, ווייל אז א איד קומט זיך צוזאמען שבת וועט ער טראכטן וואס איז שבת, ווער איז שבת, ווער האט געגעבן שבת, אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. דאס וועט אריינגעבן א שטארקע אמונה, דאס האט פרעה נישט פארגינען.

איז יעצט קומט מען זיך צוזאמען שבת, איז א געוואלדיגע זאך. דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט געזאגט, "תחילה לקראי קודש", אז א מענטש וויל אנקומען צו קודש, ער וויל זיך הייליג מאכן פאר'ן אייבירשטן, זאל ער געדענקן אז "זכר ליציאת מצרים", זאל ער זיך צוזאמנעמען צווישן אידן אזויווי אין מצרים.

טייערע קינדערלעך, יעצט איז דאך שבת מברכים שבט, ברוך השם מ'גייט אריין אין א נייע חודש, שבט איז דאך ש'מרם ב'רכם ט'הרם, שבת מברכים, קומט אריין א נייע טהרה, מען בענטשט אז אלעס זאל זיין גוט, די תורה זאל זיין גוט, די עבודה, אלעס קומט דאך פון די הייליגע תורה, פון די הייליגע עבודה.

איך האב געהערט מ'האט געלערנט נעכטן שעות רצופות, ס'איז א געוואלדיגע זאך, רבינו הק' און אלע אבות הקדושים האבן זייער הנאה, דאס אלעס איז דאך א טובה פאר זייער נשמה, אז די נשמה איז הויך, קענען זיי דאך אויסבעטן אלעס גוט'ס פאר אונז.

ווייטער שבת, מ'זאל דאווענען ערליך, מ'זאל זען אויסצוזאגן תהלים שבת צופרי', עס איז טאקע א שווערע זאך, אבער הערטס א ווארט, די מדרש ברענגט אז פרעה איז ארויסגעגאנגען פארטאגס, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, גיי צו אים פארטאגס, פארוואס האט ער געדארפט גיין פארטאגס? נאר דער אייבערשטער האט מורא געהאט אז אויב פרעה הרשע גייט פארטאגס, און ער זעהט קיינעם נישט, וועט ער אפשר בעטן דעם אייבערשטן, און דאווענען צום אייבערשטן אז מען זאל אוועקנעמען די מכות, האט דער אייבישטער געזאגט, גיי צו אים פארטאגס, ווייל איך וויל נישט אז ער זאל קענען דאווענען צו מיר, ער זאל מיר בעטן. יעצט גיבטס א קוק, אפילו פרעה הרשע מ'האט מורא געהאט ער זאל נישט דאווענען פארטאגס, ווייל די תפלה פון צופרי' מאכט א געוואלדיגע רושם.

אידישע קינדער דארפן אסאך ישועות און רפואות, דא און דארט און די גאנצע וועלט. זייטס מתפלל ביים באשעפער, ס'איז א גרויסע שבת, שב"ט איז דאך ש'מועות ב'שורות ט'ובות, אידישע קינדער גייען אויס צו הערן גוטע בשורות, ישועות און רפואות. פון דא, פון איבעראל רופט מען אריין, ס'איז שווער, ס'איז שווער, אבער מיט ענקער כח התפילה קען מען איבעראל אנקומען.

און אזוי וועט מען זוכה זיין צו די פיר גאולות וואס מ'רעכנט אויס די וואך, ולקחתי איז דאך די לעצטע, וואס דאס מיינט די לעצטע גלות וואס מיר שטייען היינט, ולקחתי אתכם לי לעם, דער אייבערשטער געבט אונז די תורה. עטס לערנטס טאקע די תורה, שטרענגטס ענק ווייטער אן, ס'איז שווער, אבער אז מען וועט לערנען די הייליגע תורה, היטן און מכבד זיין די הייליגע שבת, דאס האלט אונז אן, און דאס היט אונז פון אלעם, דאס ברענגט רפואות, ישועות. זאלן מיר טאקע זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

האט'ס אלע א גוט שבת, א לעכטיגע שבת, די שבת זאל ענק אריינשיינען שמרם ברכם טהרם, דער חודש, אלעס אלעס זאל זיין גוט. גוט שבת, גוט שבת.

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר **שמואל יצחק אמסעל** הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן אשר צבי מאיר ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצואגן ביים שבת טיש

## א תורה אויף די פרשה

### למען שתי אותותי אלה בקרבו.

לכאורה איז שווער, פארוואס עס שטייט דא א לשון רבים 'אותותי', מען רעדט דאך דא נאר פון מכת ארבה און נישט פון אלע מכות.

נאר עס שטייט אין די גמרא, אז אן אפיקורס האט געפרעגט רבי עקיבא, ווער זאגט אז דעם טאג וואס עטס האלטס פאר שבת איז טאקע דער זיבעטער טאג, אפשר קומט אויס שבת, פרייטאג אדער זונטאג.

נאר ביי מכת ארבה שטייט אין חז"ל, אז די היישעריקן זענען נישט געקומען אויף די מצרים שבת, האט מען דעמאלטס געזעהן, אז דעם טאג וואס מיר האלטן שבת איז באמת שבת. קומט אויס אז די מכה ארבה איז געווען א צייכן אויף צוויי זאכן, קודם איז דאס געווען א מכה פאר פרעה, און צווייטענס איז דאס געווען א סימן אז עס איז באמת'דיג דער שבת טאג.

דאס איז פשט 'למען שתי אותותי' אז ביי די מכה פון ארבה איז געווען צוויי אותות, איין אות מכה ארבה, און די צווייטע אות שבת קודש.

(נועם מגדים)

### ויאמר משה בנערינו ובזקנינו נלך.

א שיינעם רמז קען מען ארויסלערנען פון די פסוק, משה רבינו זאגט, 'בנערינו' דורך די אינגע יארן, וועט זיין 'ובזקנינו נלך' וועט מען קענען זיין א הולך אין די עלטערע יארן, און מ'וועט קענען זאגן 'אשרי ילדותינו שלא ביישה את זקנתינו'.

(נועם אלימלך)

### ויעל הארבה על כל ארץ מצרים וינח בכל גבול מצרים וגו', ויכס את עין כל הארץ ותחשך הארץ ויאכל את כל עשב הארץ.

לכאורה איז שווער, פארוואס אנהייב ווען די תורה פארציילט אונז אז עס איז געקומען ארבה אויף די מצריים, שטייט נישט וואס די היישעריקן האבן געטוהן, עס שטייט נאר 'וינח בכל גבול מצרים', נאר שפעטער שטייט 'ויאכל את כל עשב הארץ'.

נאך איז שווער, דער פסוק זאגט 'ותחשך הארץ', עס איז געווארן טונקל פון אסאך היישעריקן, לכאורה אויב אזוי איז דאך דאס אויך א מכה פון חושך.

נאר מען קען זאגן לויט ווי דער בעל הטורים ברענגט די מסורה, 'וינח בכל גבול מצרים', און 'וינח ביום השביעי', פון דא זעהט מען אז די היישעריקן האבן גערוהט שבת.

לויט דעם קען מען פארשטיין די פסוקים, אנהייב ווען די ארבה איז אנגעקומען אין מצרים איז געווען שבת, ממילא האבן די היישעריקן גארנישט געטוהן, נאר גערוהט אלס כבוד השבת, דערפאר שטייט 'וינח בכל גבול מצרים', שפעטער ווען עס איז געווארן מוצ"ש, עס איז שוין געווארן טונקל 'ותחשך הארץ', דאן 'ויאכל את כל עשב הארץ' האבן די היישעריקן אנגעהויבן צו אויפעסן אלעס פון די מצריי'שע פעלדער.

(צמח דוד)

### ויאמר לכו עבדו את ה' רק צאנכם ובקרכם יוצג וגו', ויאמר משה גם אתה תתן בידינו זבחים וגו', וגם מקננו ילך עמנו וגו' כי ממנו נקח לעבוד את ה' אלקינו ואנחנו לא נדע מה נעבוד את ה' וגו'.

מען קען מפרש זיין בדרך צחות, עס איז באקאנט וואס דער וועלט זאגט, אז דעת תורה היפך דעת בעל הבית, ווערט געברענגט בשם הרה"ק רבי יחזקאל מקאזמיר זי"ע אז עס איז א בפירוש'ע משנה, (קידושין סד:) 'המקדש את בתו סתם, אין הבוגרת בכלל', נו, אויב זאל מען פרעגן א פשוט'ע בעל הבית, וועט ער זאגן אז זיכער האט דער איד געמיינט מקדש צו זיין די טאכטער די בוגרת, זעהט מען דאך פון דא אז דעת תורה איז היפך דעת בעל הבית. ודפח"ח.

לענינינו קען מען מפרש זיין, אין גלות מצרים האט מען דאך געהאלטן בעפאר מתן תורה, און מצרים איז דאך געווען די גלות הדעת, ממילא האבן די אידן נישט געוואוסט ווי אזוי זיך צו פירן, אבער די אידן האבן יא געוואוסט, אז דאס וואס פרעה און די מצריים ווילן, פונקט פארקערט דארף מען טוהן, ממילא ווען פרעה האט געזאגט 'רק צאנכם ובקרכם יוצג' האט אים משה רבינו באלד געענטפערט אדרבה, 'גם אתה תתן... וגם מקננו ילך, כי ממנו נקח לעבוד.' ד.מ. ווייל דו פרעה זאגסט אזוי, פון דעם פארשטיין מיר אז מיר דארפן דינען דעם אייבערשטן פונקט פארקערט.

דאס קען אויך זיין פשט, 'ואנחנו לא נדע מה נעבוד עד בואנו שמה', מיר ווייסן דאך נישט דערווייל ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן בעפאר מתן תורה, אבער אזוי פיל ווייסן מיר יא, אז דאס וואס פרעה - דער יצר הרע זאגט, פונקט פארקערט דארפן מיר טוהן...

(דברי ישראל)

### אך ביום הראשון תשביתו.

אנפאנג מסכת פסחים איז תוספות מסביר דער טעם פארוואס ביי איסור חמץ איז דא די לאו פון בל יראה ובל ימצא, און נישט ביי אנדערע איסורי תורה, וויבאלד אויב מען עסט חמץ איז דא א חיוב כרת, האט די תורה מחמיר געווען ביי חמץ מער ווי ביי אלע אנדערע איסורים.

אויף דעם פרעגט תוס', ביי חלב און דם איז דאך אויך דא א חיוב כרת און דאך איז נישט דא דערביי די איסור פון בל יראה ובל ימצא, ענטפערט דארט תוס' אז די חילוק איז וויבאלד חלב און דם טאר מען קיינמאל נישט עסן, ממילא איז א מענטש שוין אפגעשייד דערפון, משא"כ חמץ עסט מען א גאנץ יאר, קען חלילה געשעהן אז מ'זאל עסן דערפון פסח, ממילא האט מען מחמיר געווען גאר שטארק.

דאס קען זיין פשט אין פסוק 'אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם' איי פארוואס דא איז מען מחמיר מער ווי ביי אלע אנדערע איסורים, זאגט די תורה 'כי כל אוכל חמץ' ווייל יעדער עסט חמץ א גאנץ יאר, און אויך 'ונכרתה' עס איז דא א חיוב כרת אויב מען עסט חמץ אין פסח, משא"כ ביי אלע אנדערע איסורים האט מען נישט אזוי מורא אז מען וועט עס עסן.

אבער לכאורה איז נאך שווער, אז יום כיפור איז דאך אויך דא א חיוב כרת פאר דער וואס עס חלילה, און דאך האט מען נישט מחמיר געווען אזוי שטארק, זאגט די תורה ווייטער 'מיום הראשון עד יום השביעי', עס איז דא א חילוק צווישן פסח און יום כיפור, ווייל יום כיפור איז נאר איין טאג, קען זיך א מענטש אפהיטן פון צו עסן, אבער פסח איז דאך זיבן טאג, דעריבער האט מען מער מורא אז דער מענטש וועט עסן חמץ, דעריבער האט די תורה געהייסן בל יראה ובל ימצא בכל תוקף.

(חתם סופר)

## א מעשה אויף די פרשה

### בא אל פרעה

אמאל האט הרה"ק רבי איציק'ל ווארקער זי"ע געשיקט רופן א חסיד זיינער, א גרויסער גביר פונעם הויפט שטאט ווארשע, און אים געהייסן גיין שתדל'ן ביי א גרויסער שר ער זאל מבטל זיין די גזירה וואס די רעגירונג פלאנט ארויסצוגעבן אז מען זאל ח"ו פארברענען די שו"ע חושן משפט, צוליב א אויסרייד אז די אידן זענען אויך אונטער די חוקי המדינה, און דארפן זיך גיין משפט'ן אין זייערע געזעץ הייזער און לויט זייערע געזעצן.

דער חסיד האט אבער געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז דער מיניסטער איז באקאנט אלס א שרעקליכער כעס'ן, וועלכע קען אומברענגען א מענטש אן א

המשך בע' ו'

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר בעריש סג"ל יונגרייז הי"ו (וומסב"ג)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## זהירות ביים טרינקען (2)

### מאכן קידוש אויף אויפגעדעקטע וויין

ז

**שאלה: אין די פאריגע מאמר איז געשטאנען אז מען טאר נישט מאכן קידוש אויף וויין וואס איז געווען אויפגעדעקט, פערגט זיך די שאלה, ווילאנג דארף די וויין זיין אויפגעדעקט אז מען זאל נישט מעגן מאכן קידוש דערויף?**

**תשובה:** די פוסקים נעמען אן אז אויב די וויין איז געווען אויפגעדעקט נאר א קורצע צייט, מעג מען מאכן קידוש דערויף, אויסער אויב די וויין האט פארלוירן דעם טעם, אדער עס האט באקומען א שטיקל גרויך, וואס דעמאלטס טאר מען נישט קידוש מאכן דערויף, אין יעדנספאל (מג"א ס"ק א').

און אזוי ווי טייל פוסקים זענען מחמיר אפילו עס איז געווען אפען נאר אביסל צייט (תוספות שבת ס"ק א'), איבערהויפט היינטיגע צייטן וואס די וויין איז נישט אזוי טייער (חיי"א, מ"ב ס"ק ג'), דעריבער שרייבן די פוסקים אז מען זאל לכתחלה אכטונג געבן נישט אפען צו לאזן קיין וויין אפילו א קורצע צייט (כף החיים ס"ק ז').

ח

**שאלה: וויפיל מיינט א קורצע צייט אז מען זאל מעגן קידוש מאכן אויף די וויין?**

**תשובה:** מען טרעפט אין די פוסקים עטליכע דיעות וויפיל צייט דארף די וויין זיין אפען אז דאס זאל הייסן מער פון א קורצע צייט, און מען זאל נישט קענען קידוש מאכן אויף די וויין, ווי פאלגענד:

#### 1. צוואנציג מינוט

דער שו"ת דברי מלכיאל (ח"ד סי' א') ברענגט פון שו"ת מהרי"ט אז א קורצע צייט מיינט ארום צוואנציג מינוט, לויט דעם אויב די וויין איז געווען אויפגעדעקט מער פון 20 מינוט, זאל מען נישט קידוש מאכן דערויף.

#### 2. דריי פיר שעה

דער קצות השלחן האלט אז ביז דריי פיר שעה איז נישטא קיין קפידא אפילו לכתחלה, אזוי ווי מען זעט פסח אויף דער נאכט ביים סדר, אז די צווייטע כוס אויף וואס מען מאכט קידוש, איז אויפגעדעקט די גאנצע צייט וואס מען זאגט די הגדה, און דאס קען געדויערן אפילו דריי פיר שעה (קצות השלחן סימן מ"ו ס"ק ב').

#### 3. א פאר שעה

דער קיצור שלחן ערוך שרייבט מיט דעם לשון "מען זאל נישט מאכן קידוש אויף וויין וואס איז געווען אויפגעדעקט א פאר שעה" (קיצוש"ע סימן ע"ז ס"ה).

#### 4. פינף זעקס שעה

דער דברי מלכיאל שרייבט אז ביז פינף זעקס שעה קען מען זיכער מקיל זיין.

**באמערקונג**

די אלע זמנים זענען נאר דעמאלטס ווען די טעם און גרויך פון די וויין איז נישט פארענדערט געווארן, אבער אויב די טעם אדער גרויך זענען פארענדערט געווארן, קען מען נישט מאכן דערויף קידוש, אפילו עס איז געווען אויפגעדעקט א קורצע צייט (כה"ח שם ס"ק ז').

און כאטש להלכה נעמט מען אן אז אויב וויין איז געווען אפען א קורצע צייט מעג מען מאכן קידוש דערויף, אבער לכתחלה דארף מען אכטונג געבן נישט צו לאזן אפען וויין וואס מען וויל קידוש מאכן דערויף, אפילו נאר א קורצע צייט, ווייל עס זענען דא מחמירים.

ט

**שאלה: קען מען מאכן קידוש אויף וויין וואס איז געווען אויפגעדעקט א גאנצע נאכט, און עס האט א גוטן טעם, און א גוטע גרויך?**

**תשובה:** אויב די וויין איז געווען אויפגעדעקט א גאנצע נאכט, טאר מען נישט מאכן דערויף קידוש, אפילו די טעם און גרויך פון די וויין איז נישט פארענדערט געווארן (בא"ח ש"ב בראשית סכ"ה, כה"ח ס"ק ז', ערוה"ש סימן ער"ב ס"ה).

**באמערקונג**

עס איז כדאי אנצומערקן אז די וואס פירן זיך אז פסח נאכן סדר לאזן זיי איבער דעם כוס של אליהו אויפן טיש א גאנצע נאכט, און זיי מאכן דערויף קידוש פסח בייטאג, אז זיי דארפן צודעקן די וויין נאכן סדר, כדי עס זאל נישט זיין יין מגולה, און אזוי האט זיך געפירט דער הייליגער חתם סופר (מנהגי חתם סופר פרק י' הערה ז).

י

**שאלה: עס זענען דא ספעציעלע ווייגען, וואס עס איז רעקאמענדירט אז פארן טרינקען פון די וויין זאל מען עס עפענען, און לאזן שטיין א פאר שעה אפענערהייט, ווייל אין די צייט באקומט די וויין א גוטן טעם, דארף מען מחמיר זיין נישט צו לאזן די וויין אזוי לאנג אפען, פאר מען מאכט דערויף קידוש?**

**תשובה:** די ווייגען איז נישט קיין קפידא צו לאזן אפען וויפיל עס פאדערט זיך, ווייל דאס פארלירט נישט די חשיבות, אדרבה דאס ווערט חשוב'ער.

פארשטייט זיך אז אויב עס איז געבליבן אפען א לענגערע צייט, און די טעם אדער די גרויך פון די וויין איז געווארן פארענדערט, איז ווייטער גילטיג די פריער דערמאנטע הלכה, אז מען קען נישט מאכן דערויף קידוש.

## יא

### שאלה: אויב מען האט נאר ווײַן וואס איז געווען אפען א לאנגע צייט, מעג מען מאכן קידוש דערויף?

**תשובה:** דער משנה ברורה (ס"ק א') שרייבט אז אפילו מען האט נישט קיין אנדערע ווײַן, זאל מען נישט מאכן קידוש אויף אויפגעדעקע ווײַן.

אויב די טעם און גרויך איז גוט, קען מען זיך פארלאזן אויף די פריער דערמאנטע שיטות, אז אפילו עס איז געווען אפען עטליכע שעות קען מען מאכן קידוש אויף דעם, אויסער אויב עס איז געווען אויפגעדעקט א גאנצע נאכט.

## יב

### שאלה: אויב נאכן מאכן קידוש כאפט מען זיך אז די ווײַן איז געווען אפען א גאנצע נאכט, דארף מען איבער מאכן קידוש?

**תשובה:** דער משנה ברורה (ס"ק א') שרייבט אז אויב מען האט קידוש געמאכט אויף אויפגעדעקטע ווײַן האט מען נישט יוצא געווען (ועיין בה"ל שם ד"ה אין מקדשין שנסתפק בזה).

און אזוי שרייבט אויך דער חיד"א (ברכי יוסף ס"ק א') אז מען דארף איבער מאכן קידוש.

אבער דער כף החיים (ס"ק י') שרייבט אז בדיעבד דארף מען נישט איבער מאכן קידוש.

דעריבער כדי ארויס צו גיין פונעם ספק, איז כדאי אז מען זאל איבער הערן קידוש פון א צווייטן, און מען זאל אינזין האבן יוצא צו זיין (שבט הלוי).

## יג

### שאלה: עס זענען דא וואס זענען מקפיד אז בשעת מען מאכט קידוש, זאל די פלאש ווײַן זיין צוגעדעקט, וואס איז דער ענין דערפון?

**תשובה:** די קפידא נעמט זיך לויט די טעם פון תורת חיים, אז שבת איז מעין עולם הבא, און לעתיד לבוא וועלן מיר טרינקען פונעם יין המשומר, וואס דאס איז אפגעהיטענע ווײַן, אזוי אויך דארף מען מאכן קידוש אויף ווײַן וואס איז פארדעקט און אפגעהיטן.

דעריבער איז מען מקפיד אז גלייך נאכן אנגיסן די ווײַן אין בעכער צו מאכן קידוש, זאל מען גלייך צו מאכן די פלאש מיט די שטאפער, און נישט לאזן אפען.

און אזוי איז מקובל פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אז מען דארף מקפיד זיין אז גלייך נאכן אנגיסן דעם בעכער מיט די ווײַן, איידער מען מאכט קידוש, אז די פלאש ווײַן זאל זיין צוגעדעקט מיטן שטאפער.

* אין ספר אמרי פנחס (ח"ב עמוד ק"ל) שטייט אז הרה"ק רבי פנחס קאריצער זצ"ל האט מקבל געווען פון הייליגן בעל שם טוב זי"ע, דעם סוד פון צו מאכן די פלאש ווײַן נאכן אנפילן דעם בעכער צו קידוש.

## יד

### שאלה: איינער וואס האט געמאכט א לאך אין א שטאפער, כדי ער זאל מעגן עפענען די שטאפער פונעם פלאש ווײַן אין שבת, כדי נישט אריין צו גיין אין א שאלה פון מאכן א כלי אין שבת, און נאך קידוש האט ער צוגעדעקט די פלאש ווײַן מיט א לעכעריגע דעקל, מעג ער מאכן קידוש אויף די ווײַן שבת אינדערפרי פאר די סעודה?

**תשובה:** מען מעג קידוש מאכן אויף די ווײַן אפילו עס איז געווען צוגעדעקט מיט די לעכעריגע דעקל א גאנצע נאכט, וויבאלד אין אזא קליינע לאך קען נישט אריין גיין א שלאנג, און אויך באקומט נישט די ווײַן א אנדערע טעם אדער א גרויך.

## טו

### שאלה: מען האט צוגעדעקט א פלאש ווײַן מיט א נעפקין, א.ד.ג., און דאס איז דארט געלעגן א גאנצע נאכט, מעג מען קידוש מאכן אויף די ווײַן?

**תשובה:** עס איז נישט קיין חילוק מיט וואס עס איז צוגעדעקט, דער עיקר איז אז זאל זיין גוט צוקדעקט, דעריבער אויב ס'איז געווען גוט צוגעמאכט מעג מען קידוש מאכן דערויף.

המשך מע' ד'

פארוואס, נאכדערצו אויב ער וועט קומען שתדל'ן צוליב סיי וועלכע ענין.

האט אים דער הייליגער ווארקער געענטפערט, הקב"ה האט געזאגט פאר משה רבינו 'בא אל פרעה', פרעגן דאך אלע מפרשים, עס וואלט געדארפט שטיין לך אל פרעה, גיי צו פרעה, נישט קום צו פרעה? נאר משה רבינו האט מורא געהאט פון פרעה, האט אים הקב"ה געזאגט, בא אל פרעה, לאמיר גיין צוזאמען.

דער חסיד האט גוט דערהערט דעם ווארט, און איז באלד געגאנגען אן שרעק צום שר, ווען יענער האט דערזעהן דעם חסיד, איז געפאלן אויף אים א שרעק, און ער האט צוליב געטוהן דעם בקשה פונעם חסיד און געזעהן מבטל צו זיין די גזירה.

*

### ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו

צום הייליגן רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנ'ער זי"ע איז אריינגעקומען א איד זיך באקלאגן אויף זיין שווערע מצב אין פרנסה, אז טראץ אלע זיינע געשעפטן און אפילו דורכ'ן טוהן די דריידלעך זעהט ער נישט קיין מזל און ס'גייט נישט.

זאגט אים דער רבי ר' מאיר'ל, הער אויס מיין עצה, עס שטייט אין פסוק 'ולכל בני ישראל לא יחרץ', עס פעלט נישט אויס קיין חריצות קיין שארפקייט און שפיציגקייט צו ביזנעס, אויך איז טייטש 'לא יחרץ', מען זאל נישט מאכן קיין חריץ, קיין קריץ, אן אפטיילונג צווישן מויל און הארץ, נאר וואס דען, 'כַּלֵב לשונו', דאס מיינט, אזוי ווי די הארץ, אזוי דארף זיין לשונו, מען זאל נישט זיין קיין אחד בפה ואחד בלב, נישט חלילה פאפן, אז דו וועסט אזוי טוהן זאג איך דיר צו אז דו וועסט מצליח זיין.

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

לע"נ רבינו הק' ר' משולם פייש בן ר' מרדכי הלוי וצירל זיעוכי"א

## זאגן מיט א שטאלץ 'איך רעד נישט אין שול'

דער הייליגע פלא יועץ (ערך בית הכנסת) שרייבט ווי פאלגענד:

עס איז דא איינער וואס וויל זיין געווארנט נישט צו רעדן אין בית הכנסת, אבער ווען אנדערע רעדן צו איהם זעהט אים עס אויס ווי א בושה און גאוה צו ענטפערן און זאגן 'איך רעד נישט אין שול', און דורך דעם רעדט ער אויך אנהייב טאקע מיט א ווייטאג אין הארץ, אבער ביז עס ווערט ביי אים קאלט די זאך, און עס ווערט חלילה פאררעכנט ביי אים ווי א זאך וואס איז מותר ח"ו.

אבער א ירא שמים דארף אנכאפן א ציטער פון דער הארבקייט דערפון, און ער זאל זיך נישט שעמען פון קיינעם און ער זאל זאגן מיט א פול מויל 'איך רעד נישט אין שול', ווייל דאס איז גלייך צו איינעם וואס מ'וויל אים באַ'גנב'נען א גרויס פארמעגן אדער מ'וויל אים הרג'ענען ח"ו וועט ער נישט קוקן אויף קיין בושה און נישט אויף קיין שום זאך, נאר שנעל זוכן צו ראטעווען, איז דאך אוודאי' אז מ'דארף זיך זארגן אויף די אייגענע נשמה און אויפ'ן כבוד פונעם הייליגן באשעפער.

דאס איז א גרויסע כלל אז מ'זאל נישט עובר זיין אויף קיין שום עבירה און זיך נישט צוריקהאלטן פון קיין שום מצוה וועגן בושה, אזוי ווי חכמינו ז"ל זאג, הוי עז כנמר לעשות רצון אביך שבשמים.

און איינער וואס איז נזהר אין דעם, איז חוץ פון דעם וואס ער ווערט געראטעוועט פון א גרויסע עונש רח"ל, באקומט ער שכר, וויבאלד ער איז מקיים די מצוה פון ומקדשי תיראו, אז מ'דארף זיך אויפפירן מיט א פחד אין בית המקדש, און א שול איז א מקדש מעט דעריבער דארף מען מורא האבן פונעם הייליגן באשעפער וואס רוהט דארט.






המשך מאמר בענין:

# פתיחת בקבוקים בשבת

## העצה לפתוח את הבקבוקים מערב שבת

עוד זאת יש להדגיש טרם נציע את המשא ומתן של גדולי האחרונים בנידון, כי יכול האיש המשכיל להימנע מלהיכנס כלל לפולמוס רחב זה, על ידי שיפתח תחילה את כל הבקבוקים שיצטרך ליום השבת עוד מערב שבת, ואז אין כל מקום שאלה, והרבה יראים וחרדים לדבר ה' נוהגים כן, להוציא נפשם מן המחלוקת.

אך עצה זו אליה וקוץ בה, כי בבקבוקי שתיה מוגזת יתכן מאד שיאבד המשקה את הגז שבו ושוב לא יהא ערב לחיך כבתחילה, וכמו כן בהכרח לאחסן את הבקבוקים הפתוחים במקרר, ובמשפחות שיש בהם נפשות הרבה הדבר כמעט ואינו אפשרי להכניס אל המקרר כל כך הרבה בקבוקים די סיפוק של המשפחה לכל סעודות השבת.

אמנם, גם לזה יש פתרון, וכן אני נוהג זה עידן ועידנים, להסיר בערב שבת על ידי סכין את הטבעת שמתחת הפקק, כי או אז, מחד גיסא הבקבוק עודנו סגור, אינו מאבד את הגז, וכן אינו צריך קירור, ומאידך גיסא בפתיחתו אין כל איסור, כי אינו קורע את הפקק מהטבעת בעת הפתיחה, וכך יאה וראוי לכל ירא שמים לעשות כן, ובזה הרי הוא מציל עצמו מלהיכנס למחלוקת גדולה ועצומה מעין זו.

## הצגת השאלה וצדדיה

נידון זה הוא לגבי בקבוקים הפקוקים בפקק המורכב מב' חלקים, החלק העליון הוא גדול ומעין כלי שמונח מעל לבקבוק, והחלק השני הוא כמין טבעת המקיפה את הבקבוק מתחתיתו של החלק העליון, והם מחוברים זה לזה, ובעת פתיחת הבקבוק נתלש חלקו העליון של הפקק מחלקו התחתון, כאשר הטבעת התחתונה נשארת על

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

הבקבוק, ואילו הפקק עצמו בחלקו העליון, ניתן להורידו ולהחזירו שוב, ועל זה אנו דנים.

ההדגשה הנצרכת בזה היא, כי אצל הפוסקים מדורות עברו, מוצאים אנו גם כן נידון על פתיחת בקבוקים, אך נידונם לא היה על הפקק מעין שבימינו, אלא על פקק שרק היה מונח על גבי הבקבוק, ללא הטבעת המחוברת לו מתחתיו, כך שאין ללמוד מין משאינו מינו, כי עיקר הנידון הוא מצד היתלשות הטבעת, והפיכת החלק העליון לכלי המוכשר, וכדלהלן.

בהיות ועיקר הנידון כאמור הוא מצד תלישת חלקו העליון של הפקק מהטבעת שתחתיו, על כן בקבוקי יין, הסגורים בפקק עץ התחוב בתוך הבקבוק, אין להם שייכות לכל הנידון, כי אין נעשה שום שינוי בהפקק חוץ מעצם פתיחת הבקבוק, ואכן כתב החיי אדם (ח"ב כלל מא סעיף ג), כי לפתוח פקק של עץ התחוב בתוך כלי זכוכית, יש להתיר אפילו על ידי כלי המיועד לו, כי אין בדבר כל איסור.

כך גם בבקבוקי הבירה, שברובם עשוי הפקק מחתיכת ברזל המונחת מעל הבקבוק, כששיני הברזל של הפקק מוצמדים בחזקה סביב פתח הבקבוק, ואופן פתיחתו הוא על ידי הרחבת השיניים, כאשר כאן על אף שצריך לעשות פעולה בהרחבת השיניים, מכל מקום פעולה זו אינה משביחה את הפקק, אלא אדרבה מקלקלת אותו יותר, כי לאחר שהרחיבוהו פעם אחת, קשה ביותר לחזור ולהשתמש בו, וכפשוטו לכולי עלמא מותר לפתוח את בקבוק הבירה.

וכן מפורש בדברי החזון איש (או"ח סי' נא אות יא) שכתב 'ולהסיר המגופה הקטנה הנעשה מטס כפוף שסותמין בה את הבקבוקים שדוחקין אותה על זר הבקבוק שסביב פיו, דינו כהתזת מגופת חבית ומותר שאינה חיבור, ואך שמסירה במפתח המעוות אותה, אין כאן משום סתירת כלי, דלא מצינו איסור בשבירת מגופה', הרי שהדבר מותר אף לכתחילה.

אך כאמור, בסוגי הבקבוקים, שהפקק שלהם מורכב מב' חלקים, שמחוברת לפקק טבעת, בכל אופן שלא יהיה, בזה יש לדון לאסור את פתיחת הבקבוק.

המבקשים לאסור את פתיחת הפקק, באו לאסרו באיסור דאורייתא שיש בו סקילה, כי הוא בכלל מלאכת מכה בפטיש, שכן על אף שהפקק מתחילתו כבר הוא כלי, שהרי יש לו בית קיבול ככל כלי, אך עדיין לא הושלמה עשייתו לשימושו הקבוע, כי הרי עיקר הפקק לא נעשה רק עד לפתיחתו הראשונה, אלא ייעודו הוא שיוכלו לפתוח ולסגור את הבקבוק שוב ושוב, שהרי לצורך זה נעשה הפקק עם צורת הברגה, שיוכלו להורידו ולהחזירו, ולא שישתמשו בו לצורך שימוש חד פעמי בלבד, ובכדי שיוכלו להשתמש בו לצורך פעמים נוספות, הוצרכו לשבור את הטבעת שמתחתיו, ועל כן יש כאן משום מכה בפטיש, שהוא גמר הכנת הכלי ועשייתו לצורך שימושו העיקרי. כמובן, אין כל חילוק בצורת התפרדותה של הטבעת מחלקו העליון של הפקק, מכל מקום יש כאן משום מכה בפטיש.

טרם נפנה להעמיד את השיטות, יש להקדים את דברי הש"ך (יו"ד סי' רמב הנהגת או"ה), בשני תלמידי חכמים החולקים זה עם זה, שאם הוא בדברי תורה, יש לילך אחר המחמיר, ואפילו הוא קטן מהמתיר בחכמה במנין ובשנים, ועל כן בנידון דידן שהוא איסור דאורייתא התלוי בו עונש סקילה, יש לכל אחד הירא ורך הלבב להחמיר כשיטות האוסרים.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# יציאת מצרים

רביה"ק זי"ע זאגט אין עבודת עבודה (פתג"ק פרשת שמות) אז אייביג הייבט מען אן צו לערנען ספר שמות ווען מען האלט בערך ביי חצי טבת, איז די רבי מסביר אז עס שטייט אין חז"ל אז א יעדע דריי חדשים איז איין תקופה, און וועגן דעם זאגן די ספרים הק' איז די גמר החתימה ביז זאת חנוכה, וויבאלד ווי לאנג עס איז נאך נישט אריבער קיין דריי חדשים פון חודש תשרי האט זיך נאך נישט געענדיגט די הארה פון די חותם וואס מען האט דעמאלס גע'חתמ'ט און מען קען דאס נאך טוישן, ווייל א יעדע דריי חדשים האט א קשר איינס מיט די אנדערע.

אויך שטייט אין די תורה ביי מתן תורה, "בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים", די גאנצע תכלית פון יציאת מצרים איז דאך נאר געווען כדי צוצוקומען צו מתן תורה, קומט די פסוק זאגן אז דאס איז געווען אין די זעלבע דריי חדשים, וואס דאס איז דאך געווען איין מטרה בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה.

אויך זעהט מען אז די זמן תשובה פון אלול הייבט זיך שוין אן אין חודש תמוז, ווייל דעמאלס הייבט זיך שוין אן די דריי חדשים פון די זמן תשובה.

די זעלבע זאך זאגט די הייליגער רבי' קען מען זאגן אויך דא, אז מען הייבט אן לערנען ספר שמות אין חצי טבת, וויבאלד

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

דורכ'ן לערנען די פרשיות פון די גלות און גאולת מצרים איז מען מעורר די אור פון די יו"ט פסח, וועגן דעם הייבט מען דאס אן צו ליינען דריי חדשים פאר פסח כדי צו ממשיך זיין אויף אונז די אור פון פסח.

*

עס ווערט דערציילט אויף אסאך צדיקים אז פרשת בא האבן זיי שוין געשפירט די אור פון חג הפסח אז זיי האבן פארגעסן אז עס איז א פשוט'ן שבת.

הרה"ק רבי אייזיק'ל קאלובער זי"ע איז אמאל געפארן אויף שבת פרשת בא קיין ליזענסק צום הייליג'ן רבי ר' אלימלך זי"ע, דער רבי ר' אלימלך האט אים געבעטן אז בשעת די דברי תורה זאל ער ארויסגיין פון דארט, אבער ווען עס איז געקומען למעשה האט רבי אייזיק'ל קאלובער'ער נישט געוואלט ארויסגיין, און ווען רבי ר' אלימלך האט אנגעהויבן זאגן תורה האט רבי אייזיק'ל אויפגעשפרינגען און ארומגעלאפן אנעם גאנצן צימער פון איין זייט צום צווייטן און אנגעהויבן זאגן הלל צוקאכטערהייט, דער אנוועזענדער עולם האט זיך זייער שטארק געוואונדערט, אבער שפעטער האט רבי אייזיק'ל דערציילט, אז ווען דער רבי האט אנגעהויבן זאגן תורה האט ער באקומען אזא התלהבות אז ער שטייט יעצט און ער איז מקריב א קרבן פסח, וועגן דעם האט ער אנגעהויבן זאגן הלל.

*

דער הייליגער אמרי יוסף פון ספינקא זי"ע האט דערציילט אז זיין רבי דער הייליגער עטרת צבי זי"ע איז געווען ביי הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זי"ע איינמאל שבת פרשת בא, און רבי משה לייב האט ארומגערעדט פון יציאת מצרים, און עס איז געווען דארט אזא גרויסע התעוררות אז זיי האבן געמיינט אז עס איז פסח ביינאכט ביים סדר, און נאכדעם האבן זיי זיך גענומען זאגן הלל, אבער דער עטרת צבי האט געזאגט אויף זיך, אז "יאך האב יא געוויסט אז ס'איז נישט פסח היינט".

*

די הייליגע תלמידים פון הרה"ק רבי מענדל'ע מ'רימנוב זי"ע זענען געקומען צו פארן קיין רימנוב צו זייער רבי'ן אויף שבת פרשת בא, און ביי קבלת שבת זענען זיי נתעלה געווארן אין גרויסע מדרגות ביז זיי האבן געמיינט אז עס איז פסח ביינאכט, און נאך קבלת שבת האבן זיי זיך גענומען זאגן הלל מיט א פלאם פייער, און ווי זיי זענען אהיימגעקומען צו די אכסניא צו פראווענען די סעודת שבת, זענען זיי דערשראקן געווארן צו זעהן אז עס ליגט חלות אויפ'ן טיש און נישט קיין מצות.









# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע

**דעם קומענדיגן זונטאג בשלח, ז' שבט הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן רבי דוד'ל לעלוב'ער, הרה"ק רבי דוד בן רבי שלמה זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו:

דער הייליגער צדיק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע איז געווען א תלמיד מובהק פון הייליגן רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע, און נאכדעם פונעם הייליגן חוזה מ'לובלין זי"ע.

אין זיינע יונגע יארן האט ער זיך נוהג געווען מיט שווערע תעניתים וסיגופים, און ער האט מקרב געווען אסאך מענטשן צו תורה וחסידות, ער איז געווען באוואוסט מיט א געוואלדיגע אהבת ישראל, און אלעמאל מלמד זכות געווען אויף אידן, אלע צדיקי הדור האבן אים שטארק מחשיב געווען.

ער איז נפטר געווארן ז' שבט תקע"ד לפ"ק.

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **יעקב געלב** שליט"א (טאהש)
לרגל שמחת נישואי בנו החתן יצחק נ"י למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### געהאלפן אן ארענדאר פון די פריצישע נעגל

אמאל ווען רבי דוד'ל איז געפארן צום הייליג'ן חוזה פון לובלין זי"ע, איז ער איינגעשטאנען אינעם קרעטשמע פונעם שטאט, דארט האט רבי דוד'ל געזעהן א שוידערליכע בילד, נעמליך, דער פריץ, פאר וועמען דער איד האט שוין א לענגערע צייט נישט באצאלט דאס רענט, האט באשלאסן אויסצונוצן דעם איד פאר זיין אונטערהאלטונג, ער האט זיי צוגעבונדן צום עק וואגן און געטריבן די פערד איבער די בלאטיגע געסלעך פון דארף, ווען דער איד מוז נעבעך



# לוח היארצייטן

## יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ז' שבט | הרה"ק רבי מרדכי דוד בן רבי צבי הירש זי"ע - מדאמבראווא | תר"ג |
| ז' שבט | הרה"ק רבי דוד בן רבי שלמה צבי זי"ע - מ'לעלוב | תקע"ד |
| י"א שבט | הגה"צ רבי יחיאל אלתר הלוי ב"ר ישעי' זצ"ל - שטיינבערג<br>זקינו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א | תשמ"א |
| י"ב שבט | הגה"צ רבי חיים שלמה בן רבינו הסב"ק מרן אלימלך סג"ל זצ"ל - אדמו"ר מ'חוסט | תשמ"א |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ו' שבט | הרב החסיד ר' חיים אליעזר בן ר' ישעי' זאב ע"ה גראס | תשפ"ה | הר המנוחות בירושלים עיה"ק |
| ט' שבט | הרב החסיד ר' אפרים אליעזר ע"ה בן ר' צבי ארי' שליט"א אינדארסקי<br>לא הניח אחריו זש"ק | תשס"ח | ביה"ח ניו דזערסי (קאסאן) |
| ט' שבט | הרב החסיד ר' מנחם מענדל ליפא יושע בן ר' אשר ענזיל הלוי ע"ה קרויס<br>מראשי קהלתינו הק' וויליאמסבורג | תשפ"ג | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |
| ט' שבט | הרב החסיד ר' מרדכי צבי בן ר' דוד ע"ה הערשקאוויטש | תשס"ח | הר הזיתים בירושלים עיה"ק |
| י' שבט | האשה החשובה מרת מלכה בת ר' משה ע"ה מאירוביץ<br>אשת הרה"ח ר' חיים זאב ע"ה | תשפ"ד | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"א שבט | הרב החסיד ר' אברהם בן ר' צבי ע"ה אייזנער | תשמ"ו | ביה"ח בקרית יואל |
| י"א שבט | הרב החסיד ר' משה עזריאל בן ר' משולם איסר ע"ה לאווי | תשע"ו | ביה"ח ניו דזערסי (סאטמאר) |

נאכלויפן פארסאפעטערהייט, נישט וועלענדיג בלייבן ליגן, און צובלוטיג'ט ווערן רח"ל.

ווען דער צדיק רבי דוד'ל האט צוגעזעהן דעם שרעקליכן סצענע, האט ער געוואונקען פאר'ן פריץ זיך אפצושטעלן, דער פריץ איז געווען נייגעריג וואס דער ראבינער וויל פון אים, האט ער געהייסן דעם בעל עגלה אפהאלטן די פערד, דאן האט רבי דוד'ל אויסגעדרוקט זיין גרייטקייט אויסצוצאלן דעם חוב פון דעם ארענדאר, נאר דער פריץ זאל אים שוין פריי לאזן.

אבער רבי דוד'ל האט נישט געהאט דעם נויטיגן סכום אויסצולייזן דעם איד, און דער פריץ האט אים נישט געוואלט באפרייען, ביז רבי דוד'ל האט אים דערציילט אז ער איז דער ראבינער פון שטעטל לעלוב, און האט אויסגעשריבן פאר דעם פריץ א שטר חוב אויף די גאנצע סכום פון הונדערט און פופציג רובל.

דער פריץ איז געווען פארשטענדליך, און האט גאנץ גוט געוואוסט אז פון טרייבן דעם איד מיט זיין פרוי אונטער'ן וואגן וועט ער קיין געלט נישט זעהן, דעריבער האט ער מסכים געווען צום געשעפט און אונטערגעשריבן אויפ'ן פאפיר מיט'ן ראבינער.

דער ארענדאר האט נישט געקענט גענוג באדאנקען זיין מלאך פון הימל וועלכע איז אים פלוצלונג געקומען אויסלייזן, און געבעטן דעם רבי'ן זאל ביי אים איינשטיין, אבער דער רבי האט זיך נישט פארזוימט לאנג אין דארף, נאר נאך א קורצע באזוך ביים ארענדאר אין שטוב האט רבי דוד'ל זיך ארויסגעלאזט ווייטער קיין וואדיסלאב וואו דער חוזה האט שוין געווארט אויף אים.

דער פריץ האט געהאט א גרויסע וואָל האנדל, ער פלעגט פארקויפן די וואָל פון זיינע שאף פאר דעם זעלבן סוחר יעדן יאר פאר א באשטימע פרייז, עטליכע טעג נאכ'ן אינצידענט מיט'ן רבי דוד'ל, האט דער פריץ מצליח געווען אין דעם מסחר, און פארקויפט די וואָל מיט א ריווח פון פונקט הונדערט פופציג רובל מער ווי יעדעס יאר.

דער פריץ האט זיך געמאכט א חשבון אז דער ענין איז נישט פשוט, און אז דא שטעקט אוודאי דער האנט פון יענעם ראבינער פון לעלוב, ווי שטארק די גוים און זייער פריצים האבן פיינט געהאט די אידן, און וויפיל זיי האבן זיך געפרייט אויף יעדן געלעגנהייט צו פייניגן אידן, האבן זיי גוט געוואוסט אז להבדיל פון זייערע גלחים, זענען די אידישע ראבינער געטליכע לייט וועלכע האבן א דעה אין הימל.

דער פריץ האט אויך געהאט א בן יחיד וועלכע איז געווען שטום, ער האט נישט געקענט ארויסרעדן קיין ווארט פון מויל, האט זיך דער פריץ בארעכנט, טאמער דער לעלוב'ער ראבינער קען טאקע פראווען וואונדער, אפשר קען ער אויך אויסהיילן מיין שטומער בן יחיד וועלכער האט שוין עטליכע יארן זינט זיין געבורט נישט ארויסגערעדט קיין ווארט.

געטראכט און געטוהן, דער פריץ האט געהייסן די באדינער איינשפאנען זיין קעניגליכע קארעטע, - אט די זעלבע וועלכע האבן פריער געשלעפט דעם נעבעכ'דיגן ארענדאר אויף די גאסן פון דארף, - און אנגעפילט נאך א וואגן מכל טוב וטוב, און מיטגענומען זיין בן יחיד אויף א נסיעה קיין לעלוב צום וואונדער-ראבינער.

אין לעלוב האבן די שטאטלייט אויפגענומען דעם פריץ מיט בליקן פול מיט פארדאכט, די אידן האבן נישט געוואלט דערציילן דעם פריץ וואו דער רבי וואוינט, ווער ווייסט — האבן זיי געקלערט וואס דער וויל פריץ אפטוהן צום רבי'ן.

ווען דער פריץ האט פארשטאנען די אומצופרידענהייט פון די שטאטס-לייט, האט ער זיי באוויזן דעם וואגן אנגעפילט מיט די בעסטע און שענסטע פון זיין פארמעגן, האט מען אים באלד צוגעפירט צום הויז פון רבי דוד'ל.

דער פריץ איז ענדליך אנגעקומען צום הויז, און זיך נישט געקענט גלייבן די אויגן ווי מאדנע זענען זיי די אידישע ראבינער, די גאנצע וועלט קומט צו זיי צו פארן, און זיי וואוינען אין א קליין האלב איינגעפאלענע הייזקעלע.

אריינקומענדיג אין שטוב האט ער צום אלעם ערשט באוויזן דעם שטר חוב, און פארנט פון רבי דוד'לס אויגן האט ער דאס צוריסן, דערביי האט ער דערציילט פאר רבי דוד'ל וועגן דעם געלונגענעם מסחר מיט די וואָל, וועלכע ער איז זיכער געווען אז דער רבי האט אנגעארבעט.

נאר איין בקשה האט ער צום הייליגן ראבינער זאגט דער פריץ, איין קינד האב איך, אט דא שטייט ער, ער מאכט נישט אויף דאס מויל, ווי גלייך זיין צונג איז צוגעקלעבט צו די גומען, זאל דער רבי וועלכער האט א ווארט אין הימל בעטן פאר מיין בן יחיד'ל ער זאל אויסגעהיילט ווערן.

רבי דוד'ל הערט אויס דעם פריץ, און דרייט זיך אויס צום וואנט מיט א תפילה אויף מאמע לשון, 'רבונו של עולם, אזוי פיל הינט בילן, וועט בילן נאך א הונט'.

דער זוהן פונעם פריץ האט באלד אנגעהויבן רעדן, און דער פריץ האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן מיט זיך פון גרויס פרייד, ער האט באלד אפגעלאדנט די מתנות פון וואגן, און דערנאך מפרסם געווען פאר אלע זיינע פריצים און פריינד די גרויסקייט פונעם אייבירשטן, וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**






# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מר"ץ

## המשך הלכות תפילין

דער הייליגער אריז"ל האט נישט אויסגעטון די תפילין נאר נאך על כן נקוה פון עלינו [1], און אזוי פירן זיך אנשי מעשה. אויב זאגט מען קדיש יתום נאך עלינו, פירן זיך אנשי מעשה נישט אויסצוטון ביז נאך קדיש [2].

אויב מ'יאגט זיך, קען מען אויסטון נאך קדיש תתקבל וואס מ'זאגט נאך אשרי ובא לציון [3].

ווען מ'לייגט אין די תורה טוט מען נישט אויס די תפילין ביז נאכן צוריקלייגן די ספר תורה אין ארון הקודש [4] (כאטש מ'האלט נאך 3 קדישים און 4 קדושות).

אויב מ'טוט דאס אויס פריער, זאל מען עכ"פ נזהר זיין נישט אויסצוטון די של ראש מיטן פנים צום ספר תורה, נאר מ'זאל זיך אוועקדרייען [5].

ס'איז א ענין נישט צוזאמצולייגן די תפילין ביי הויכע שמו"ע, ווייל עס שטערט פון צוהערן דעם בעל תפילה [6].

ס'איז ראוי אז א שליח ציבור זאל נישט אויסטון די תפילין ביים עמוד, נאר זאל גיין אין א זייט [7].

מ'טאר נישט אויסטון די תפילין של ראש אקעגן א ספר תורה, נאר מ'דארף זיך אוועקדרייען (אדער איבערדעקן מיט א טלית), אבער די תפילין של יד מעג מען [8].

אויב די ספר תורה איז אין ארון הקודש, איז מותר (ס'בעסער צוווארטן ביז ס'איז צוגעמאכט די טיר פון ארון הקודש) [9].

1 שועה"ר (סי' כה סל"ז), ובמ"ב (סקנ"ה), ברכי יוסף (סקי"א), ועי' בליקוטי מהרי"ח (בסדר עלינו לשבח) 'ועפ"י האריז"ל הקדיש לאחר אין כאלקינו ופיטום הקטורת היא קדיש יתום ואחר עלינו אין שם שום קדיש'. וכן נהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע שלא לחלוץ התפילין דרש"י וגם לא להסיר הכריכות מהאצבע עד אחר סיום על כן נקוה, ואם הי' חיוב בביהמ"ד ואמר קדיש, המתין עד אחר סיום הקדיש.

2 רמ"א מחצה"ש סקכ"ח מ"ב (סי' כה סקנ"ו) בשם פרמ"ג 'ומ"מ משמע מפרמ"ג ושארי אחרונים דבמקומות שנוהגים לומר קדיש יתום בכל יום אחר עלינו טוב שלא לחלוץ עד אחר קדיש יתום' וכן הוא בשועה"ר (סי' כה סל"ז) 'ויש שאין חולצים אותם עד לאחר קדיש יתום'. ובדרך החיים (סכ"ז). אות חיים ושלום (סי' כה אות יח).

3 שו"ע (סי' כה סי"ג), ועי' במאסף לכל המחנות (ס"ק קכה) בדין לחלוץ לפני ובא לציון כדי ליתנם לחבירו אי אמרינן חטא בשביל שיזכה חבירך, (וצ"ע דבריו כי זה מנהג ואינו עובר על דין).

4 שו"ע (סי' כה סי"ג).

5 מ"ב (סי' כה סקנ"ח) 'והחולצן קודם, עכ"פ יזהר שלא יחלוץ הש"ר בפני הס"ת, כדי שלא יגלה ראשו בפניה, אלא יסתלק לצדדין, ובשל יד דליכא גילוי, או בתש"ר תחת הטלית גדול שרי'.
וכן לא יחלוץ בפני רבו מובהק, שו"ע (סי' לט סי"א) ובפמ"ג (א"א סקי"ד) משמע דיש בזה שני טעמים א' מראה ראשו הגלוי ב' מורה הלכה לפני רבו שכבר הגיע הזמן לחלוץ התפילין וא"כ בזמננו שאין חולצין ביהשמ"ש לא נקרא מורה הלכה לכן אם חולצן לצדדין מותר, ולכן המנהג שלא לחלוץ נגד רב ואדמו"ר גדול, רק לפנות הראש לצדדים.

6 ארחות חיים (ספינקא סוס"י תכג) בשם כף החיים (סי' לד סקי"ג). אכן בשועה"ר (סי' קפג סי"ד) משמע שאין קפידא רק בדבר שצריך לשום מחשבתו על זה. וכמדומה שאם הוא כבר רגיל בכריכות הרצועות על נרתיק התפילין, אינו מפריע כלום מהשמיעה, ולכן יש שאינם מקפידים בזה.

7 ביכורי יעקב (סי' תרנא סקכ"ט) 'רק לא יסלקם לפני העמוד במקום שמתפלל, אלא ילך מן הצד ויסלקם דהוי כחולץ לפני רבו, ומטעם זה כ' ג"כ הפמ"ג (תרנא א"א סקי"ז) שהקהל שחולצין 'ומ"מ צ"ע בשעה שהש"ץ חוזר התפילה י"ל הוי כחולץ לפני רבו'. ובפרמ"ג תרנא (משב"ז סק"ז) 'שהש"ץ לא יסלק בפסח וחוה"מ לפני העמוד דהוי כחולץ לפני רבו, ובסוכות שמוכרין אתרוג יכול ילך מלפני העמוד לצד אחר ולחלוץ תפילין קודם הלל'.
אבל ברוח חיים (פלאג'י סי' לח אות ב) חולק על הביכורי יעקב ויעב"ץ המובא להלן דלפי הטעמים שהביא הברכ"י (סי' לח אות ח) מה ענין רבו להיכא דהוא לפני ה'.

8 מג"א (סי' כה סקכ"ט) ובמ"ב (סקנ"ח). (ובסידור צלותא דאברהם (טשעכענאוו ח"א עמ' לה) מבאר דהא דלא יחלוץ בפני רבו הוא שלא היו מגלין התפילין שלהם בפני רבים, לכן לא הי' דרך ארץ לגלותה לפני רבם, אבל האידנא לא נהגו להקפיד בפני רבן, כיון שאין מניחין רק בק"ש ותפלה, א"כ מכ"ש דאין להקפיד בחליצת תפילין רבו, ולפ"ז אפשר שאין קפידא כלל לחלוץ תפילין בפני ס"ת עכת"ד).
ועי' שו"ת משנת יוסף (חי"ד סי' כב) שבמג"א (סי' כה סקכ"ט) מביא מטה משה שלא יחלוץ בפני ס"ת, ולא צוה לצאת, ובמנהגי האריז"ל מבואר שבא לביהכ"נ מעוטר בטו"ת, ולא מצינו שגם הלך הביתה מעוטר. ויש להחשיב הארון הקודש כרשות בפני עצמה, ולכן אם הארון קודש סגור, או שהוא נמצא בחדר אחר, והארון קודש פתוח אין חשש.

9 שו"ע (סי' כה סי"ג) 'נוהגים שלא לחולצם עד שיחזירו ס"ת ויניחוהו בהיכל', משמע אף ארון הקודש פתוח מותר. י"א שאף כנגד ארון הקודש פתוח אין לחלוץ, כ"כ באור צדיקים (תיקון התפלה אות ע): 'אף אם הכרח גדול שימהר תפלתו קודם לציבור, וסיים בעוד שקוראין בתורה, לא יחלוץ התפילין בעוד הס"ת על הבימה, כמו שאין חולצין תפילין בפני הרב וכו', וכן צריך ליזהר שלא לחלוץ תפילין בשעה שהארון הקודש פתוח לאנעים זמירות', והיעב"ץ בסידור בית יעקב (סוף תפלת עלינו אות ג) מחמיר ביותר 'דאין נכון לחלוץ התפילין בביהכ"נ וכו' או יזהר שלא לחלוץ לפני ארון הקודש', וכן בחסד לאלפים (סי' כה סי"ג) כתב שלא יחלוץ בפני היכל הקודש אלא יחזיר פניו לצד אחר. אבל בעוד יוסף חי (חיי שרה ס"ב) חולק וכתב 'במה דברים אמורים כשהס"ת אינו מונח תוך תיק סגור, אבל אם מונח תוך תיק סגור ליתן לן בה, וכן עמא דבר', הוא מיירי בתיק שהספרדים עושים, אבל לכאורה לפי דבריו ה"ה אם הספר מלובש במעיל. והא שהעצי החיים בולטים אינו מגרע, כי גם בתיק שהספרדים עושים, העצי חיים בולטים. ועי' שו"ת משנת יוסף (חי"ד סי' כב) הנ"ל. וכן עמא דבר שלא להחמיר נגד הארון הקודש כשהוא סגור.

## ראש חודש

ראש חודש זאגט מען כתר ביי מוסף, וועגן דעם טוט מען אויס די תפילין נאכן ענדיגן זאגן ובא לציון, און (לכתחילה אויב ס'מעגליך[0] ) נאכן זאגן חצי קדיש[1] וואס איז פאר שטילע שמו"ע פון מוסף[2] .

ס'דא וואס טוען אויס נאכן צוריקלייגן די תורה אין היכל, פאר אשרי ובא לציון[3] .

10 כי אם ממהרים במנין זה יכולים לנהוג כמ"ש הא"ר (סי' כה סקכ"ה) 'ומה טוב לעסוק בחליצה כשאומר 'יהי' רצון שנשמור חוקיך', כי במערבא היו מברכים לשמור חוקיו', ובמ"ב (סי' כה סקנ"ט) מביאו ומוסיף 'ולא ימתין מלחלצם עד אחר קדיש, כדי שלא להפסיק בין קדיש לתפלה', ובסי' תכג (סק"י). ועי' בשועה"ר (בסידור) שכתב ש'בר"ח חולצין התפילין קודם חצי קדיש שקודם מוסף', ובקצות השלחן (סי' ח סקנ"ו).

11 מג"א (סי' תכג סק"ו) 'יש מקפידים שלא לחלוץ עד אחר קדיש, כדי שיהיו ארבע קדישים', (אכן משמע שם שאין נפק"מ דייקא על הקדיש כל ששמע ד' קדישים וא"כ אם כבר ענה על א' קדיש אחר איזה ו מקומן ב' קודם ברכו ג' קדיש תתקבל ד' קדיש אחר קריאת התורה, שוב א"צ להקפיד). ובשע"ת (סי' כה סקכ"ב), כף החיים (סי' כה סקצ"ד), מ"ב (סי' כה סקנ"ט) 'אחר שהחזירו הס"ת בהיכל וכו' יחלצם אחר הקדיש שקודם תפלת מוסף'.

12 שו"ע (סי' תכג ס"ד, וכה סי"ג) 'ביום ר"ח חולצים אותם קודם תפלת מוסף', ושועה"ר (סמ"א), ומ"ב (סי' תכג סק"י וסי' כה סקנ"ט), שאינו ראוי להיות מוכתר בתפילין בשעה שאומר כתר, וכתב הלבוש (כה סי"ג) שאף במקומות שאין אומרים כתר בתפילת מוסף, נוהגין לחלוץ התפילין קודם תפלת מוסף, מפני שתפלת מוסף הוא כהקרבת קרבן מוסף ועושין אותו יו"ט לפחות בעת ההקרבה. ובשלחן הטהור (סי' כה סי"ב). וכן מנהג באבוב.
וכן נהג רביה"ק מ'טאהש זי"ע שאחר הכנסת הס"ת לארון חלץ תפילין דרש"י, והניח תפילין דר"ת, ואמר מזמור לדוד ה' רועי, חצי קדיש, וחלץ התפילין דר"ת, והתפלל מוסף,
ומנהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע שאחר חזרת הס"ת לההיכל הניח תפילין דר"ת, ולמד בו שיעוריו כרגיל בכל יום, ואח"כ אמרו חצי קדיש, וחלץ התפילין, ותיכף התפלל תפלת מוסף.

13 מנהג סקווירא וטשערנאביל, שמחזירים הס"ת להיכל וחולצים התפילין, ואח"כ אומרים אשרי ובא לציון, וזכנו לגדל (עמ' תשלה), שכך קיבל המאור עינים זי"ע מאליהו זכור לטוב.

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו
צו אנשי שלומינו


איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #205
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
845.610.8674

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841


**וויבאלד עס נעמט צייט צו מגיה זיין די בריוון אין דעם אפטיילונג כראוי, ביטע אנטשולדיגן אויב זעהט איר נאך נישט גלייך אייער מעסעדזש אדער בריוו אינעם מדור.**

## "צוויי קוויטלעך איז בעסער ווי איינס"...

לכבוד די חשוב'ע רעדאקציע פונעם גליון "באור החיים", וואס באלייכטן אנ"ש תלמידי וחסידי טאהש איבער דער גאנצער וועלט.

איך האב געטראכט אז עס איז פאסיג מיטצוטיילן דא א געשמאקע מעשה וואס איך האב לעצטנס געהערט פונעם **סאנטוב'ער רב שליט"א פון לעיקוואוד**, אן אינטערעסאנטע געשיכטע וואס ער האט מיטגעלעבט, וואס ווייזט ארויס אביסל איבער דעם געוואלדיגן קשר פון הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א מיט יבלחט"א זיין הייליגן פאטער זי"ע, און נאך.

**אט איז די מעשה ווי דער סאנטוב'ער רב פארציילט עס:**

דעם פארגאנגענעם פרשת שמות (תשפ"ו) העעל"ט בין איך געווען אין קאנאדע, און איך האב ברוך השם זוכה געווען צו זיין ביים ציון הקדוש פונעם הייליגן טאהשער רבי'ן זי"ע. איך האב דארט אויסגעבעטן פאר הצלחה אויף דעם נייעם שטוב וואס ווערט איצט געבויט, עס זאל זיין א בנין עדי עד לשם ולתפארת, און איך האב געלייגט א קוויטל אויפ'ן ציון מיט די נעמען פונעם חתן און כלה שיחיו.

דער אייבערשטער האט געהאלפן, אז אויפ'ן פלאץ איז נישט געווען בלויז איין קוויטל, נאר עס זענען דארט געווען **צוויי פון מיינע קוויטלעך!** ממש ווי דער פסוק זאגט "טובים השנים מן האחד" - צוויי קוויטלעך איז בעסער ווי איינס! **וועל איך אייך פארציילן די סיפור הדברים וויאזוי דאס איז צוגעגאנגען:**

ווען איך בין אנגעקומען קיין קרית טאהש, בין איך קודם אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה צו **כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א.** ווען דער רבי האט מיך געזען, האט ער מיך אויפגענומען מיט א געוואלדיגע מאור פנים און מיט א שטארקע שמחה.

איך האב איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן אן "הזמנה" צו די חתונה פון מיין טאכטער שתחי' (וואס וועט פארקומען בעזרת השם קומענדיגן מאנטאג פרשת בא), און אויך עטליכע גליונות פון "נועם שיח". דער רבי האט זיך ממש מחיה געווען דערמיט, ער האט שטארק אויסגעלויבט די גליונות און געזאגט אז ער קוקט דערין זייער אפט. דער רבי האט אויך צוגעלייגט, אז היות ער פארט מארגן בעז"ה קיין פארט-לאטערדעיל, וועט ער מיטנעמען מיט זיך אויפ'ן פליגער דעם ספר "נועם שיח - ובלכתך בדרך".

דערנאך האב איך איבערגעגעבן פאר'ן רבי'ן א קוויטל מיט די נעמען פונעם חתן און כלה, און דער רבי האט ווארעם געבענטשט פון טיפן הארצן מיט אלע ברכות, זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן אן ערליכע אידישע שטוב מיט אסאך אידיש נחת און הרחבת הדעת. שפעטער האב איך געדאווענט מנחה און מעריב אינאיינעם מיט'ן רבי'נס מנין, און פון דארט בין איך ארויפגעגאנגען צום ציון הקדוש פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע.

ווען איך בין אנגעקומען צום ציון, איז שוין געווען נאכט. אינעם גאנצן בית החיים איז נישט געווען קיין נפש חיה חוץ מיר, איך בין געווען אינגאנצן אליין אינעם הייליגן אהל. שטייענדיג דארט האט מיך ארומגענומען א געוואלדיגע התרגשות; איך האב געפילט ווי איך בין איצט ממש פריוואט בקודש פנימה מיט'ן הייליגן רבי'ן זי"ע. איך האב אויסגעגאסן דאס הארץ א לענגערע צייט און מתפלל געווען אויף כלל ישראל און אויף מיין אייגענע משפחה.

פלוצלינג עפענט זיך די טיר, און ווער קומט אריין? נישט קיין אנדערער ווי דער **טאהשער רבי שליט"א** אליין בכבודו ובעצמו! ער איז געקומען מתפלל זיין אינגאנצן אליין, אן קיין גבאי אדער הויז-בחור. איך בין גלייך געגאנגען שטיין אין א זייט, און מיט גרויס נייגער האב איך געווארט צו זען וואס דא פאסירט.

דער רבי איז צוגעגאנגען צום ציון, געלייגט די האנט אויף די מצבה, און א שטיק צייט מתפלל געווען שטילערהייט. דערנאך האט דער רבי ארויסגענומען א גרויס פעקל מיט קוויטלעך און אנגעהויבן ליינען איינס ביי איינס מיט א געוואלדיגע התעוררות. יעדעס קוויטל וואס דער רבי האט געענדיגט האט ער געלייגט אויפ'ן ציון.

אינמיטן ליינען די קוויטלעך, הייבט דער רבי פלוצלינג אויף דעם קאפ און ווינקט מיר איך זאל צוקומען נענטער. איך גיי צו, און דער רבי ווייזט מיר אז ער האלט איצט אין די האנט דאס קוויטל וואס איך האב אים איבערגעגעבן מיט עטליכע שעה פריער מיט די נעמען פונעם חתן און כלה! דער רבי האט געהאלטן דאס קוויטל און א לאנגע צייט מתפלל געווען פאר זייער הצלחה, ביז ער האט עס געלייגט אויפ'ן ציון הקדוש.

איך האב געכאפט די געלעגנהייט, גענומען א צעטל און געשריבן: **"מרן ישראל בן לאה אסתר לרפואה שלימה"**, און איך האב דאס דערלאנגט פאר'ן רבי'ן. דער רבי איז געווארן זייער גערירט, ער האט געשאקלט מיט'ן קאפ ווי ער ווייסט פונקטליך וועמען מען מיינט, און א לאנגע צייט מתפלל געווען מיט א מורא'דיגע התעוררות פאר די רפואה פון **מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א.** ווען דער רבי האט געענדיגט, האט ער עס אויך געלייגט אויפ'ן ציון.

ווען דער רבי האט שוין געענדיגט אלע קוויטלעך, האט ער אנגעהויבן זאגן תהלים בדחילו ורחימו. דעמאלט האב איך זיך געזעגנט פונעם רבי'ן און ארויס פון אהל. ארויסגייענדיג אינדרויסן, בין איך געווען זיכער אז איך גיי זען א קאר וואס ווארט אויפ'ן רבי'ן, אבער איך בין געבליבן שטוינענדיג: עס איז נישט געווען דארט קיין שום נפש חיה און קיין שום קאר אין דעם גאנצן שטח פונעם בית החיים! דער רבי האט ווי ס'קוקט אויס געוואלט זיין ביים ציון הק' בהצנע לכת, איז ער געקומען אליינס אן די גבאים, זיך אויסצורעדן דאס הארץ ביים טאטנס ציון.

יהא רעוא אז דער רבי שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין עבודת הקודש פאר גאנץ כלל ישראל מתוך בריאות גופא ונהורא מעליא, און אלע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

מיט פיל דאנק פאר אייער הערליכע ארבעט, אחד מקוראי הגליון

לאור

# באור החיים



# תלמידי הישיבה פראוונען א געהויבענע שבת חבורתא קדישתא אינאיינעם מיט די רמ"י ומגי"ש הישיבה שליט"א

## שבת התרוממות חבורתא קדישתא

די פארלאפענע וואך שב"ק האבן די תלמידי הישיבה געהאט די זכי' צו פראוונען א געהויבענע שבת התוועדות אין א פריוואטע קעמפ צווישן די קאנאדיגשע בערג.

די שבת איז געווען ספעציעל געווידמעט מחזק צו זיין און דערהייבן די 4 געלונגענע חבורות וועלכע פארפיגן בין כותלי ישיבתינו הק', דאס זענען חבורת קנין שלם, חבורת חיינו, חבורת חוזר וניעור, חבורת סוכת שלם, אין וועלכע תלמידי הישיבה נוצן אויס די פרייע צייטן ללימוד התורה, און אזוי ארום זיך פארהערן הונדערטער בלעטער גמרא און מקצועות שולחן ערוך ישר והפוך.

די שבת איז פאריבער גאר דערהויבן, און עס איז ממש אוממעגליך צו באשרייבן וויאזוי עס איז פאריבער, אבער אפס קצהו די טרוקענע פאקטן וועלן מיר פרובירן צו איבערגעבן אויפן שפיץ גאפל

*

## יום ה' וארא

די תלמידי הישיבה זענען ארויסגעפארן פון קריתינו הק' די פארלאפענע דאנערשטאג פארמיטאג, אנקומענדיג אינעם קעמפ האבן זיך די בחורים מסדר געווען אין די פאראויס אויסגעשטעלטע צומערן אלע 3 כתות באזונדער, און עס איז געווען צוגעשטעלט איבערבייס אינעם חדר האוכל.

נאך תפלת מנחה האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א מיט א פאסיגע דרשה לקראת דעם געהויבענעם שבת, און מיט קורצע דיבורים אנגעווארעמט די תלמידים צו אויסנוצן די קומענדיגע סדר הלימוד פאר די ספעציעלע חזרת הלימודים.

דאן איז די גאנצע היכל הביהמ"ד געווען איינגעהילט אין א פלאמעדיגע אש התורה, ווי פאר גאנצע 3 שעה האבן די תלמידים געלערנט די בלעטער גמרא, און נאכן סדר הלימוד איז געווארן אויסגעראפעלט א גורל אויף א ספר תהלים וואס מרן רבינו שליט"א האט זיך באנוצט דערמיט די פארלאפענע הייליגע טעג, ביום שלש עשרה מידות און יום הקדוש העעל"ט.

נאך א הפסקה פון ארוחות ערב און תפלת מעריב איז פארגעקומען א גאר אינהאלטסרייכע דרשה דורך האי פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי עקיבא יוסף ראבינאוויטש שליט"א, מרבני בית מדרשינו מאנטריאל וועלכע האט ארומגערעדט איבער די נושא וויאזוי צו געבן אינפערמאציע ביי שידוכים, סיי בהלכה און סיי אין פראקטיק.

שפעטער ביינאכט איז פארגעקומען פאר אלע תלמידי הישיבה אינאיינעם א דערהויבענע חבורות ליל שישי, בראשות הרב יוסף מאיר הערשקאוויטש מנהל בית צירל, וועלכע האט במתק לשונו ארומגערעדט גאר טרעפליכע ענינים, און מ'האט אינאיינע געזינגען זמירות שירות ותשבחות למלך קל חי רם ונשא פאר איבער 2 שעה.

*

## ליל שב"ק

פרייטאג מיטאג בעפאר דעם זמן הדלקה"נ איז פארגעקומען די ספעציעלע זמן ווי געוועגליך ללימוד ספרי חסידות כהכנה לשב"ק, און הארט פארן זמן כניסת השבת האט מען געהערט ברכת הקודש דורך א לייוו-הוק אופ, ווי רבינו שליט"א האט געוואונטשן גוט שבת דורכן טעלעפאון, און ארויסגעברענגט קורת רוחו נאכהערנדיג פון די סדר הלימוד נעכטן דאנערשטאג, און דערנאך האט




מען זיך געשטעלט דאווענען אינאיינעם תפלת מנחה וקבלת שבת.

נאכ'ן דאווענען איז מען אריין אין חדר האוכל ווי עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכע סעודה, ווי מען האט אינאיינעם אנגעהויבן זינגען די זמירות שבת, און דערנאך אינאיינעם געמאכט קידוש ווי געוועונליך.

במשך די סעודה - וועלכע האט זיך פארצויגן פאר איבער 5 שעה פון התרוממות בקדושת השבת, - האט מען אינאיינעם געזינגען די געוועונליכע זמירות שבת, און אזוי אויך נאך הערליכע ניגונים וועלכע עס איז געווען אנגעפירט דורך די נייע פראיעקט אין ישיבה 'אזמר בשבחין'.

אויך האט אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"צ רבי זאב ראזענבוים שליט"א חדב"ן, און הרה"ג רבי יצחק סג"ל נייהויזער שליט"א, וועלכע האבן הערליך שיין ארומגערעדט בענין בין אדם לחבירו און נאך.

ווי אויך האט אויפגעטרעטן האי פה מפיק מרגליות, הרה"ג רבי שמעון עזריאל יחיאל לעווי שליט"א, וועלכע האט באצויבערט די תלמידים מיט זיין רייכע שפראך, ארויסברענגענדיג זיינע אייגענע געפילן ווען עס קומט צו רעדן צו די תלמידי הישיבה, זעהענדיג דאס התבטלות און אהבת חברים פון די תלמידים צווישן זיך, און אזוי ווייטער ארומגערעדט בשבח ומעלות ישיבתינו הק' וואס ער אלץ זייטיגע צוקוקער פאסט אויף.

אין די שפעטע שעה נאך די סעודה איז געפראוועט געווארן א דערהויבענע באטע ווי מען האט ווייטער פארברענגט בשבת אחים גם יחד, זינגענדיג ניגונים זמירות שירות ותשבחות, בראשת הרה"ג המשפיע רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א וועלכע האט ארומגערעדט שיינע ענינים על הפרשה.

*

## יום שב"ק

וביום השבת האט מען אינאיינעם אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים, און דערנאך זיך געשטעלט דאווענען א דערהויבענע קאכעדיגע דאווענען, און בעת קריאת התורה האבן עולה געווען די חשוב'ע בחורים וועלכע האבן געקויפט די זכותים ביי די מעמד מכירת העליות, וועלכע איז פארגעקומען בהיכל הישיבה בנוכחת כ"ק מרן רבינו שליט"א.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א ברייטע קידושא רבא, ווי מען האט געזינגען אינאיינעם שיינע לעבעדיגע ניגונים.

בעת די קידוש האט אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"ג רבי יונה פשיער שליט"א מו"ץ וועלכע האט אויסגעשמועסט מיט די בחורים א גאר אינטערעסאנטע מציאות'דיגע שאלה וועלכע עס קען זיך מאכן צווישן בחורים אין א ישיבה, וועלכע די מגי"ש האט פארעלייגט די צדדי השאלה פון וואס אלע בחורים האבן זייער הנאה געהאט.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צו די סעודת שב"ק, ווי עס האט אויפגעטרעטן די מגי"ש הרה"צ רבי נחמן כהנא שליט"א, חדב"ן, וועלכע האט ארומגערעדט איבער די נושא פון א חסידישע בחור, און אויך די מגי"ש הרה"ג רבי לייב קופטשיק שליט"א וועלכע האט ארומגערעדט איבער די ענין פון מסורת אבותינו ורבותינו.

*

שפעטער נאכמיטאג האט מען געדאווענט תפלת מנחה און דערנאך איז פארגעקומען די דערהויבענע סעודת רעווא דרעווין, ווי הרה"ג המנהל שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט שטארקע דברי התעוררות והתחזקות, און פאר א לענגערע צייט האט מען מאריך געווען בניגוני התעוררות ודביקות, און נאכן בענטשן האט מען געמכאט הבדלה און געזאגט די סדר הפיוטים ווי יעדע וואך בצל הקודש.

*

## מוצאי שב"ק

שפעטער איז פארגעקומען די גאר רייכע מלוה מלכה, ווי עס איז אויך געווען הערליך אויסגעשטעלט די פרסים פאר אלע חבורות באזונדער.

בעת די מלו"מ האבן אויפגעטרעטן עטליכע מתלמידי הישיבה וועלכע האבן פארציילט סיפורי צדיקים, און די מגי"ש הרה"ג רבי חיים סג"ל קרויס שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט טרעפליכע דבורים, ווי במתק לשונו האט ער צוזאמגענומען די גאנצע שבת, אלע דרשות און געהויבענע מינוטן עס צו מיטנעמען פאר א גאנץ לעבן.

דאן האט מען אויסגעטיילט די פרסים פאר די תלמידים און איינע פון די תלמידי הישיבה האט אויפגעטרעטן מיט גאר אינטערעסאנטע דברי חרוזין דורכלויפנדיג די גאנצע זמן וואס עס איז שוין אלץ פאריבער א.א.וו., און דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין לעבעדיגע טענץ.

# בהיכל הישיבה

א בליק
אינעם תורה פעסטונג
**ישיבה גדולה**
**תורת משולם פייש**
**ד'טאהש - ניו יארק**

## הכנה דרבה צום לעכטיגן שבת קודש פרשת בשלח - שבת שירה, וחמשה עשר בשבט הבעל"ט בצל הקודש של הריש מתיבתא קדישא כ"ק מרן רבינו עטת"ר שליט"א

מיט גרויס פרייד האבן תלמידי ישיבתינו הק' אויפגענומען די בשורה טובה ומרנינה אז מ'גייט אי"ה פארן אויף שבת קודש שבת שירה להסתופף בצל הקודש פונעם ריש מתיבתא קדישא מרן רבינו עטת"ר שליט"א.

די בשורה טובה האט אריינגעברענגט א מורא'דיגע חיות דקדושה אין די בחורים לקראת הנסיעה, און מען האט אנגעהויבן צו לערנען מערערע שעות רצופות בהתמדה יתירה, - אין צוגאב צו די געווענליכע שעות רצופות פון די ימי השובבי"ם - וואו די בחורים הארעווען אריין לענגערע שעות בתורה, כדי צו געבן א 'מנחת ביכורים' אים חמשה עשר בשבט ליל א' יתרו הבעל"ט.

הנה ימים באים.


בס"ד

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש

**היום יום א' פר' וארא**

הבעל"ט

יתקיים בעזהשי"ת

מטעם ובנוכחות

הרב הגאון הדומ"ץ שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'

**שיעור מיוחד**

בהלכות בורר / עניני פילטער בשבת

מומחה בענינים אלו ימחיש המציאות

בשעה 4:30

**כל השונה הלכות**


בס"ד

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש

**במשך יום ה'**
**בשבועות השובבי"ם**
**כל הבחורים שילמדו כל הסדר שעות רצופות יהיה נחשב לשעות כפולות**

**מספה"ק עבו"ע דבר"ק פר' שמות**

כי בדור הזה אין בכוחנו למרק החטאים על ידי תעניות, כי בזמנינו הגופות חלשים, והאדם נחלש מאוד על ידי התעניות, ומה יועיל לו אם יתענה בימי השובבי"ם, אם על ידי זה יוחלש כחו ולא יהא לו כח ללמוד ולהתפלל כראוי.

לזאת עתה בעת סעודה שלישית יקבל כל אחד על עצמו, לסדר לעצמו סדר יותר נכון בכל שעות היום, להתפלל תפלתו ביותר כוונה ובמתינות, ולבוא ללימודיו בזמן, **ולסגף את עצמו בלימודו ללמוד כמה שעות ברציפות בלי הפסק, אף אם הלימוד קשה עליו מאוד. וכן יסגף עצמו בתענית הדיבור, שלא לדבר דיבורים מיותרים,** וכל שכן בשבת קודש שאז צריך האדם לשבות מדיבורו. ובאכילתו יסגף עצמו לשבור תאותו בעת האכילה, ולהפסיק באמצע האכילה, שעל זה כתב הראב"ד ז"ל (בשער הקדושה) שנחשב לאדם כתענית יום שלם. וכן בכל מעשיו ירגיל את עצמו לכוף את יצרו לעשות בכל רגע רצון ה'. ובזה יזכה לתשובה שלימה, ולהתקרב אליו יתברך באמת.


בס"ד

ישיבה גדולה תורת משולם פייש ד'טאהש

**במוצש"ק פר' שמות**

הבעל"ט

יתקיים בעזהשי"ת

**סעודת מלוה מלכה**

בראשות אורחינו החשוב מארה"ק

**הגאון החסיד מוה"ר בנציון כ"ץ שליט"א**

מותיקי תלמידי רבינו הקדוש זי"ע

בשעה 9:15

**וימליצו טוב בעדינו**

## תלמידי ישיבתינו הק' האבן אריינגעטרעטן מיט גרויס התעוררות והתרוממות אין די ימי השובבי"ם.

אריינטרעטענדיג אין די יעצטיגע מסוגל'דיגע שובבי"ם וואכן, איז אויסגעטיילט געווארן ספעציעלע לוחות פון די ימי השובבי"ם זיך צו צייכענען די פארמערטע שעות רצופות בלימוד התורה בלי הפסק וועלכע מ'לערנט מדי יום ביומו.

ספעציעל ליל שישי זעהט זיך בהיכל הישיבה, לילה כיום יאיר, ווען תלמידי ישיבתינו הק' זיצן און לערנען מיט גרויס חשק שעות רצופות בלי הפסק פון די גאר פריע נאכט שעה'ן, און דערנאך שטעלט מען זיך בהתעוררות צו אמירת כל ספר תהלים ביראה עילאה.

ושבו בנים לגבולם

## פרשת ויגש ווערט אפגעצייכנט אלס פארטאגס וואך בין כותלי הישיבה

צוליב די וואך פון די ערשטע ניטל, האט מען א גאנצע וואך אויסגענוצט די פריע פארטאגס שעה'ן אויף לימוד התורה, ובפרט ביום ה' ויגש די טאג נאך ניטל, האט זיך אנגעהויבן די סדר פון שיעור עיון ביים סדר האשמורת, אזוי פרי ווי פיר אזייגער פארטאגס, ווען דער קול תורה האט געדינערט לערנענדיג בהתמדה יתירה.

אנו משכימים, והם משכימים

## דרשה בענין הלכות בורר והמציאות בפילטערס

לרגל דאס וואס די בחורים האבן געלערנט, גע'חזר'ט און געענדיגט סימן שי"ט מהלכות שבת, הלכות בורר, האט מען אראפגעברענגט א ספעציעלע מומחה בעניני פילטער'ס, הרב אברהם ישעי' ווייס שליט"א, אויסצושמועסן פונקטליך די הלכות, וואס מ'מעג יא, און וואס נישט, מיט א געוואלדיגע קלארקייט פונעם מציאות הדברים.

דער חשובער מגיד שעור שולחן ערוך הרה"ג ה'דומ"ץ שליט"א האט פונקטליך אלעס מסביר געווען מצד די הלכות און אלע שיטות. עס איז געווען א מורא'דיגע נחת רוח צו זעהן ווי די בחורים האבן עוסק געווען בהלכה למעשה נושא ונותן געווען מיט א געוואלדיגע ריתחא דאורייתא, נאכדעם וואס מ'איז גוט אויסגעקאכט מיט די נושא נאכ'ן עס לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה.

אשרי מי שתלמידו בא לידי מעשה

## מסיבת לחיים לרגל יומדהל"ק של הרה"ק הבני יששכר זצ"ל והרה"צ רבי מרדכי זצ"ל

יום ד' שמות העעל"ט איז ביי ארוחות צהרים פארגעקומען א שיינע מסיבת לחיים בראשות הרה"ג ר' מרדכי בערייש מערמעלשטיין שליט"א ר"מ ומשפיע בישיבה קטנה וועלכער האט גאר אינטערעסאנט ארומגערעדט איבערן הייליגן בני יששכר זי"ע, דער ראש השלשלת פון די צדיקים פון וואס רבותינו הקדושים השרף והסב"ק זי"ע זענען געווען מגדולי התלמידים. ווי אויף דאס התקשרות פון רביה"ק צום בעל הילולא זי"ע וספריו הקדושים.

דער חשובער ר"מ ומשפיע האט שיין דערציילט פון הרה"צ רבי מרדכי זצ"ל און דאס התקשרות צו רביה"ק זי"ע.

זכר צדיק לברכה

## הערליכע דערהויבענע שבתים געפראוועט בצוותא חדא ביני עמודי דגירסא בהיכל ישיבתינו הקדושה

שב"ק פרשת ויגש העעל"ט איז געפירט געווארן בראשות הרה"צ רבי משה סג"ל שליט"א וועלכער האט דורכאויס שבת גאר ווארעם ארומגערעדט בדברי תורה וסיפורי צדיקים.

סעודת מלוה מלכא איז געפראוועט געווארן דורך הרה"ג המנהל שליט"א.

שבת קודש פרשת ויחי האט מען געהאט אויף שבת הרה"צ רבי יצחק אייזיק סג"ל שליט"א ר"מ בישיבתינו הקדושה וועלכער האט שיין ארומגערעדט בדברי תורה ובעניני דיומא.

סעודת מלוה מלכא איז געווען בראשות הרה"ג המשגיח שליט"א

שב"ק פרשת שמות איז געווארן געפירט געווארן דורך הרה"ג ר' מנחם מענדל סג"ל גאלדשטיין שליט"א משגיח ראשי, ומנהל ישיבה קטנה.

סעודת מלוה מלכא איז געווען צו גאסט הרה"ג ר' בנציון כ"ץ שליט"א מארה"ק מוותיקי תלמידי רביה"ק זצוק"ל, וועלכער האט ארומגערעדט איבער דעם סדר היום ועבודתו הקדושה של רביה"ק זצוק"ל.

## גאר וויכטיגע אינפארמאטיווע דרשה ושו"ת בליל ניטל ב' בענין געבן אינפארמאציע ביי שידוכים

א גאר וויכטיגע דרשה, פאר בחורים וועלכע גייען שוין אריין בגיל שידוכים, האט מען ספעציעל ליל ניטל, - א צייט וואס מ'קען נישט לערנען כנהוג - אראפגעברענגט הרה"ג ר' יצחק משה בלומינפעלד שליט"א מנהל ישיב"ג סאטמאר וויליאמסבורג (ח"ג) וועלכער האט מיט זיין לשון לימודים פונקטליך אראפגעלייגט, און מסביר געווען וויאזוי ס'גייט צו די תקופה, וויאזוי מ'דארף ענטפערן וכו' וכו', פאר א לענגערע צייט, משולב מיט וויכטיגע ידיעות פון פראקטיק.

נאכדעם איז געווען א סעריע שאלות ותשובות וואס ער האט געענטפערט א לענגערע צייט בטוב טעם ודעת, פון וואס די בחורים זענען ארויס מיט א קלארקייט.

מנהג ישראל תורה היא

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק:

## תלמידי ישיבתינו הק' גרייטן זיך מיטצוהאלטן לעכטיגע טעג בצל הקודש פון כ"ק רבינו שליט"א

דעם קומענדיגן שבת פר' בשלח - שירה וחמשה עשר בשבט הבעל"ט וועלן די תלמידי הישיבה זוכה זיין להסתופף בצילא דמהימנותא פון רבינו שליט"א.

עס איז גאר מערקבאר אין ישיבה די געוואלדיגע הכנה רבה וואס די בחורים מאכן צו די נסיעה, מיטן לערנען און דאווענען מתוך יגיעה והתמדה.

**זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.**

*

## גאר שטארקע התרוממות זעהט זיך אן בהיכל ישיבתינו הקדושה אין די ימי השובבי"ם

תלמידי ישיבתינו הק' נוצן אויס די יעצטיגע געוואלדיגע מסוגל'דיגע שובבי"ם וואכן בלימוד התורה שעות רצופות בלי הפסק ביתר שאת וביתר עז.

ספעציעלע קארטלעך זענען אויסגעטיילט געווארן, וואו די בחורים צייכענען זיך אן די גענויע סומע פון שעות רצופות וואס זיי לערנען מיט א התמדה.

אן ערהאבן בילד איז צוצוקוקן אין דעם לעכטיגן ליל שישי, וואו די ביהמ"ד אין ישיבה ווירבעלט שוין פון צוויי אזייגער בעוד ליל, ווען די לופט איז נאך ריין אויף די קאלטע גאס, זענען זיך די בחורים מייגע בהתמדה אין דעם ווארעמען אטמאספארע בהיכל הישיבה, און חזר'ן איבער בלעטער גמרא רש"י ותוס' און טור ב"י ושולחן ערוך.

נאכן לערנען עטליכע שעה, שטעלן זיך די בחורים אויף, אויסצוזאגן אין דעם דערהויבענעם זמן מסוגל ועת רצון מיוחדת גאנץ ספר תהלים בהתעוררות רב, ברוב עם הדרת מלך, וואו עס איז געווען מנהגו בקודש פון רביה"ק זי"ע.

ליל שישי פר' שמות האט פאר אמירת תהלים אויפגעטרעטן דער חשובער מנהל פון ישיבה גדולה הרה"ג רבי מענדל וואלף האלצער שליט"א וועלכע האט מיט פאסיגע דיבורים אויפגעהויבן דעם ציבור צום תהלים זאגן.

שובו בנים שובבים.

*

## בחורי הישיבה שטעלן זיך צום בחינה בכתב אויף גאנץ פרק כל הגט

די פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען א פעסטע חזרה אויפן פרק כל הגט ממסכת גיטין, וואס איז געלערנט געווארן, און גע'חזר'ט געווארן פון אנפאנג זמן ביים שיעור בקיאות אין די טעגליכע פארטאגס שעה'ן.

נאך די חזרה איז פארגעקומען א בחינה בכתב אויף די גאנצע פרק, וואו די חשובע בחורים האבן כולם כאחד געענטפערט מיט א בהירות בטוב טעם ודעת.

ספעציעלע גורלות איז געמאכט געווארן פאר די בחורים וועלכע האבן זיך באזונדער מצטיין געווען מיטן לערנען שעות רצופות בלי הפסק.

**ברנה יקצורו.**

# בצל הקודש
מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
בא - תשפ"ו לפ"ק


## שבת קודש פר' וארא

פארן זמן הדלה"נ האט רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש דורכן טעלעפאון, פאר תלמידי ישיבה גדולה אור החיים וועלכע זענען געווען פארזאמעלט אויף א שבת התוועדות אין קאנטרי אויף די קאנאדישע בערג.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה און קבלת שבת.

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די אורחים החשובים זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ח ר' דוד מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג.

דער רבי האט געטיילט שיריים פון די מאכלים, און פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן הרה"ח ר' אברהם שמואל פייפער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' דוד מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א פון קריתינו הק', הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו פון קריתינו הק', הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו פון בארא פארק, הרה"ח ר' משה אהרן ניימאן הי"ו פון פלעטבוש, הרה"ח ר' יעקב שלמה ראכליץ הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' שמואל משה מנחם סאנדעל הי"ו פון קרית יואל.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א פון קרית יואל.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו פון קריתינו הק', שחרית האט געדאווענט הרה"ח ר' דוד מאירוביץ הי"ו פון וומסב"ג.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ג ר' משה כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרה"ח ר' משה אהרן ניימאן הי"ו, שלישי הרה"ח ר' אברהם שמואל פייפער הי"ו, רביעי הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו, חמישי הרה"ח ר' שמואל משה מנחם סאנדעל הי"ו, ששי הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, שביעי הרב מאיר יעקב טעסלער שליט"א, הוספות: הרה"ח ר' יעקב זאב שווארץ הי"ו פון בארא פארק, הרב אב"ד שר שלום שליט"א, הרה"ח ר' אהרן מתתי' פריעדלענדער הי"ו פון מאנטריאל, הרה"ח ר' יעקב שלמה ראכליץ הי"ו פון וומסב"ג, הב' הערשל פאל נ"ו, אחרון הרה"ח ר' משה ישעי' ווערצבערגער הי"ו פון מאנטריאל.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הרה"ח ר' אברהם שניצלער הי"ו פון מאנטריאל. הגבה הרה"ח ר' זושא ווייזער הי"ו פון וומסב"ג, גלילה מוה"ר ישראל ניימאן הי"ו פון מאנטריאל.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' מאנסי שליט"א. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר משה ישעי' שווארץ הי"ו פון בארא פארק.

⋄

ביים שלחן הטהור האט דער רבי געטיילט שיריים פון אלע מאכלים, די משתתפים זענען מכובד געווארן מיט די זמירות און כיבודים, דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

הגבהת הכוס צו קידוש הרה"ח ר' משה אהרן ניימאן הי"ו, אז ביום השביעי הרה"ח ר' זושא ווייזער הי"ו, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יעקב זאב שווארץ הי"ו.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרה"צ רבי שמואל פריעדמאן שליט"א חדב"ן. די עליות האבן עולה געווען כהן הר"ר יצחק אייזיק כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, לוי הרה"ח ר' משולם איסר סג"ל לאווי הי"ו, שלישי מוה"ר שמעון שווארץ הי"ו פון בארא פארק, הגבה הרה"צ רבי מרדכי אברהם גינזבערג שליט"א חדב"ן, גלילה מוה"ר יוסף אלי' זילבער הי"ו פון בני ברק.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' משה ישעי' ווערצבערגער הי"ו פון מאנטריאל. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש א לענגערע צייט.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' אברהם שניצלער הי"ו, הרה"ח ר' אהרן מתתי' פריעדלענדער הי"ו, הרה"ג ר' משה כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' יעקב

משה שטערן הי"ו פון אנטווערפן.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אברהם שמואל פייפער הי"ו פון וומסב"ג.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אברהם שניצלער הי"ו, נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה. הגבהת הכוס צו הבדלה אב"ד חב"ד פארט לארידעיל שליט"א, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר מנחם מענדל פייערשטיין הי"ו פון פלארידא.

נאך די שיחות קודש האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך.

## מוצש"ק פר' שמות

ביי סעודת מלוה מלכה האט דער רבי טועם געווען און געטיילט שיריים פון די קוגל פאר אלע משתתפים.

דער רבי האט מכבד געווען צו פארציילן זכרונות ימי קדם פון רביה"ק זי"ע: הרה"ג ר' חיים ברוך יודא לייפער שליט"א, הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין הי"ו, הרה"ח ר' שלום אליעזר פרענקל הי"ו פון וומסב"ג, אב"ד שר שלום שליט"א, דאקטער לעווין הי"ו.

מיט ברהמ"ז האט דער רבי מכבד געווען מחותנו הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואלד שליט"א.

## מאנטאג פר' בא - ר"ח שבט

צו תפילת שחרית איז צוגעגאנגען צום עמוד מו"ה פנחס מרדכי יודא קליין הי"ו. די עליות האבן עולה געווען כהן הרבני הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגל הי"ו פון מאנסי, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ח ר' משה חיים בערקאוויטש שליט"א פון קרית יואל, רביעי הרה"ח ר' יחזקאל ווייס הי"ו פון מאנטריאל. הגבה הרה"ח ר' בעריש עסטרייכער הי"ו פון מאנסי, גלילה הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש הי"ו משב"ק. צו מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אברהם מרדכי יודא פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי.

נאכן דאווענען האט זיך דער רבי געוואשן צום שלחן הטהור לכבוד ראש חודש, און געזאגט דברות קודש לכבוד היום.

צווישן די כיבודים זענען מכובד געווארן אב"ד לאפאש שליט"א פון קרית יואל, הרה"ח ר' מאיר וויינבערגער הי"ו פון בארא פארק, הרה"ח ר' בערל וייל הי"ו פון פלארידא, ברכי נפשי הרבני הנגיד ר' נתן פייטל פאשקעס הי"ו פון מאנטריאל. ברהמ"ז האט דער רבי מכבד געווען הרבני הנגיד ר' ישראל אלי' ברוך ענגל הי"ו פון מאנסי.


מזון הנפש

בעזהשי"ת

### סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

= פרשת בשלח =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק בא | דף מא. | דף לז: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף מא: | דף לח. | דף קמו. | דף קמג: |
| מאנטאג | דף מב. | דף לח: | דף קמו: | דף קמד. |
| דינסטאג | דף מב: | דף לט. | דף קמז. | דף קמד: |
| מיטוואך | דף מג. | דף לט: | דף קמז: | דף קמה. |
| דאנערשטאג | דף מג: | דף מ. | דף קמח. | דף קמה: |
| עש"ק | דף מד. | דף מ: | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת בשלח

חבורת ז' עמודים – כל פרק שני

חבורת ה' עמודים - קלה: - קמה:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב ווי אויך צו טרעפן א חברותא

רופט קול איחוד טאהש

514-500-8674 - 718-451-8674

ביי 4-1 פון די מעין מעניו

קול איחוד טאהש

מקושר פון איבעראל

718.451.TOSH 514.500.TOSH

פרנס

השיעורי תורה על

'קול איחוד' לשבוע זו

נתנדב על ידי מוה"ר

יואל קלמן הערשקאוויטש

הי"ו (קרית יואל)

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב ובשעטו"מ

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד לו ולזרעו להתברך בכל הברכות הכתובה בתורה עד עולם אמן

718.451.8674 | 514.500.8674

0.333.015.0715 | 079.704.0074

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות

מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים

מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט ארייצושיקן בריוון, מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:

מיטוואך 12:00 מיטאג



P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674

11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו